# קרית ברסלב בלעטל

שנה ה׳
נומער 195
פרשת תולדות · תשפ״ד




# שיעור ליל שישי

## פרשת חיי שרה אין קרית ברסלב ליבערטי

**גראמען פאר די ברסלב'ע שטוב:**
עס גייט אריבער
א שעה און די איד
נאכאלץ נישט דא

**געדאנקען:**
די הארץ בויכעט
אויף טויזענט



## אינטערוויו

לכבוד פרשת תולדות א
שמועס מיט א טאטע פון א
צווילינג - מו"ה
**רפאל פורסט** הי"ו

**מיט א טיפערן בליק:**
באמבאדירונגען
אין עזה.

וועלטליכע נייעס
איראן סטראשעט ווידער
4



שטעטל נייעס
מסיבות לטובת כולל היכל הקודש
6



היכל הקודש נייעס
גליון "דער ראש ישיבה זאגט" צייכענט אפ א יאר
7



מיט א טיפערן בליק
באמבאדירונגען אין עזה
10



אינטערוויו
"לכבוד פרשת תולדות" א שמועס מיט מו"ה רפאל פורסט הי"ו וואס האט א צווילינג
21



אין גראמען
עס גייט אריבער א שעה, און זי איז נאכאלץ נישט דא
30




# קרית ברסלב בלעטל


רעדאקציע:

מרדכי אינדיג, אברהם משה שטראססער, משה ארי' שניטצלער, אברהם הערש וועבערמאן, ישראל דוד העסקעל, אברהם יצחק אייזנער, שמואל בער שניטצלער, מ. פאפנהיים, ר. ראטענבערג. ל. שיינער.



צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אפגעשיקט צו אייער טיר רופט:
718.387.2691
subscribe@kerenhadfusa.org
לקבלת הקרית ברסלב בלעטל דרך הדואר בארץ ישראל התקשרו:
077-530-9648

צו באקומען די וועכנטליכע קרית ברסלב בלעטל אויף אימעיל שיקט א אימעיל צו
chizikyomi@rabbiroth.org

צו אדווערטייזן אדער ארייננצושיקן א מעסעדזש צו די רעדאקציע
בריוו אדער הגהות רופט: 845.379.1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com

קול ברסלב: 212.444.9191
חיזוק פאר די אידישע שטוב: 212.444.9169


## זמנים Liberty
תולדות ה' כסלו תשפ"ד

הדלקת הנרות........... 04:18
מוצאי שבת........... 05:49

מנחה מערב ויצא.... 05:30


מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה ישראל סאמעט הי"ו**
**וזוגתו מלכה תחי'**
**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

מזל טוב!

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה יעקב לעסער הי"ו**
**וזוגתו שרה תחי'**
**צו די בר מצוה פון זייער זון למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט

מזל טוב!


## וועטער

| | | | |
|---|---|---|---|
| Fri 17 | 55°/40° | | PM Showers |
| Sat 18 | 44°/27° | | AM Showers |
| Sun 19 | 41°/24° | | Partly Cloudy |
| Mon 20 | 42°/28° | | Mostly Sunny |
| Tue 21 | 44°/36° | | Rain/Freezing Rain |
| Wed 22 | 46°/30° | | Showers |
| Thu 23 | 45°/30° | | Rain/Snow Showers |
| Fri 24 | 42°/28° | | Partly Cloudy |

געדענקט וואס דער הייליגער רבי זאגט
**די וועטער מבינים ווייסן נישט אל"ץ ריכטיג די וועטער וואס גייט זיין**
שיחות הר"ן רכ"א



בעזרת השם יתברך

פון טיפן הארצן
טוען מיר וואונטשן א הערצליכן
מזל טוב פאר אונזער חבר

# מו"ה ישראל דוד העסקעל הי"ו

## וזוגתו תחי'

וואס געבט זיך אוועק פארן קרית ברסלב בלעטל יעדן איינציגן וואך עס זאל זיין תוכנ'דיגע ארטיקלען מיט הערליכע גרעפיק, פון וואס אידישע קינדער זאלן קענען הנאה האבן און ווערן דורכדעם נענטער צום אייבערשטן.

# לרגל שמחת הולדת הבת למזל טוב

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט, און קענען ווייטער האבן די כח צו פארשפרייטן דעם הייליגן רבינ'ס עצות פאר די גאנצע וועלט.

וואונטשט

קרית ברסלב בלעטל

# וועלטליכע נייעס

גרשון קרעמער



## איראן סטראשעט ווידער!

אין די לעצטע וואכן זינט די מלחמה האט אויסגעבראכן אין עזה, האט מען ווידער געהערט קולות פון איראן איבער אפווישן מדינת ישראל פון די מאפע. (מיר מוזן דא באטאנען אז כאטש מדינת ישראל האט גארנישט מיט ארץ ישראל, ארץ ישראל איז א הייליג לאנד וואס מיר האפן און בעטן דעם אויבערשטן יעדן טאג אז מיר זאלן שוין זוכה זיין צו גיין קיין ארץ ישראל מיט משיח צדקינו, בשעת וואס דער טערמין מדינת ישראל ווערט גענוצט צו באצייכענען די גרעניצן פון די לאנד וואס די ציוניסטישע באוועגונג האט געגרינדעט אין די געגנט בערך ווי ארץ ישראל געפונט זיך. אבער פארט געפונען זיך אין די גרעניצן פון די מדינה מיליאנען אידן, וואס מיר זענען מתפלל אז זיי זאלן אפגעהיטן ווערן פון אלעם בייזן, און די אידן וואס ווייסן נישט פונעם אויבערשטן זאלן טרעפן זייערע ווארצלען און זיך צוריק קערן צו אונזער טאטע וואס ווארט פאר זיינע קינדער).

מען האט געהערט די רופן פונעם רעליגיעזן פירער כומעיני, און פונעם פרעזידענט איבראהים ראיסי, ימח שמם וועלכע האבן אויסגעדוקט זייער פולסטע שטיצע צו כאמאס און זייערע פארדארבענע מעשים רחמנא לצלן, און סטראשען צו פארשארפן דעם קריג מיט זייערע פילע טעראר גרופעס וועלכע זיי שטיצן אין עטליכע לענדער אין די מיטל מזרח, אריינגערעכענט די מערב ברעג, לבנון, סיריע, תימן, און אפילו אין ירדן.

ליינענדיג די נייעס איבער די סטראשערייען פון איראן קומט ארויף א שמייכל אויפן פנים, ווייל מען דערמאנט זיך פון צען צוואנציג דרייסיג און אפילו פערציג יאר צוריק ווען דאן זענען געווען שרייעדיגע קעפלעך אין די צייטונגען "איראן סטראשעט אפצואווישן די מדינה פון די מאפע", וחוזר חלילה די נייעס חזר׳ט זיך איבער יעדע עטליכע חדשים אדער יאר מיט בערך די זעלבע ווערטער, מיט איין חילוק, די נעמען פונעם סופרים פירער און די נעמען פון זייערע פרעזידענטן, צי מען רעדט פון פרעזידענט אכמאדינישזשאד ימ"ש, צי דער אנדערער, אלע האבן מיט א פרישקייט געסטראשעט, אבער יעדעס מאל מיינט מען אז 'יעצט' מיינען זיי עס שוין אמת׳דיג.

דאס דערמאנט אונז פונעם באקאנטן ווארימען ניגון איבער דער הייליגער רבי רבי זושא זכותו יגן עלינו: "דער סבא קדישא, דער רבי רבי זושא, האט יעדע נאכט, זיך זייער פארטראכט; ביים ספר זכרונות, מיט טיפע חשבונות, זיך איבערגעקלערט, זיינע אויגן פארטרערט, - איך וועל זיין ערליך, אלעס שוין פאררעכטן, בעט איך באשעפער, השיבנו; איי איך האב שוין געזאגט פאר דיר די זעלבע ווערטער נעכטן, יעצט מיין איך עס אמת׳דיג, הער מיך צו".

מאויבי תחכמני פלעגן צדיקים זאגן, לאמיר זען וואס דער סמ"ך מ"ם טוט ווען ער פרובירט מיר צו באזיגן, לאמיר נוצן זיינע טאקטיקן קעגן אים, ער קומט יעדן טאג צו מיר פריש, און פרובירט מיר אראפצואווארפן, צעברעכן, איך טו די זעלבע זאך אבער פארקערט, איך זאג צו פארן אויבערשטן "איך וועל זיין ערליך, אלעס שוין פאררעכטן", און ווען דער סמ"ך מ"ם פרובירט מיר שוואך צו מאכן "איך האב שוין געזאגט די זעלבע ווערטער נעכטן", ווער איך נישט דערשראקן, "יעצט מיין איך עס אמת׳דיג, איך זאג דיר צו".

### אין כל חדש תחת השמש




# די ערשטע פרעזידענטליכע פריימעריס רוקן זיך נענטער

שטייענדיג בלויז צוויי מאנאטן אפגערוקט פון די ערשטע פריימעריס איז אינטערעסאנט צו זען וואו מען האלט, צוביידען האט באוויזן צו העכערן זיינע ציפערן, אדער האט טראמפ גאר באוויזן צו העכערן אדער לכל הפחות אנהאלטן זיינע ציפערן.

די ערשטע שטאט אפצוהאלטן די פריימעריס וועט זיין די רעפאבליקאנער קאקוס אין אייאווע וואס איז געסקעדזשולט אויף למספרם יאנואר 15, וועלן אין פעברואר וועלן שוין סאוט קאראליינע, נעוואדע און מישיגען אפהאלטן די דעמאקראטישע פריימעריס, אין נעוואדע, די ווירדזשין איילענדס, סאוט קאראליינע, מישיגען, איידעהא, מיזורי, און די.סי. וועלן אפהאלטן רעפאבליקאנער פריימעריס אדער קאקוסעס, וועלן מען וועט ענדיגן מערץ למספרם וועלן שוין מער פון העלפט סטעיטס האבן אפגעהאלטן די פריימעריס סיי אויף די דעמאקראטישע זייט און סיי אויף די רעפאבליקאנער זייט, ווען איבער א טוץ סטעיטס וועלן אפהאלטן זייערע פריימעריס אין דעם איינעם סופער דינסטאג מערץ 5.

ווי מען האלט מיט האט דער געוועזענער טראמפ בכלל נישט נאכגעלאזט פון זיין געלויף מיט זיין שארפע און אומסטאבילע טעמפער, וועלן ער שפעט און באזינגט זיינע אפאנענטן אן רחמנות. אין די זעלבע צייט וואס די דעמאקראטן שפארן נישט קיין אנקלאגעס און אויספארשונגען קעגן טראמפ, וואס האט אבער דערוויל נישט געצייגט קיין סימן אז עס שעדיגט דעם טראמפ.

די מידיע באלעקט זיך די פינגער, פארקוקענדיג דעם קומענדיגן פארמעסט, ערווארטענדיג א חזרה אויף דעם פריערדיגן טראמפ קעגןביידען פארמעסט, האפענדיג אז זיי וועלן זיי קענען צושטעלן זאפטיגע שטאף וואס וועט אנפילן זייערע בלעטער מיט שמוץ און באשולדיגונגען איינע קעגן צווייטן.

אפילו די לינקע זענען צופרידן פון דעם וואס ביידען האט באקומען א נאמען פון א פארשלאפענעם און פארעלטערטער פארשוין וואס איז נישט גענוג פריש און שארף פאר דעם דזשאב, אבער אויך די רעכטע זענען צופרידן (אונטערן טיש) פון טראמפ׳ס קינדערישע טעמפער וואס מוז אלץ האבן וואס צו זאגן און זוכט די העדליינס פאר יעדן פרייז.

ווי עס זעט אויס יעצט האלט זיך טראמפ העכער אין די וויכטיגע ״סווינג״ סטעיטס (סטעיטס וואס ווערט ערווארטעט אז די אויסגאנג זאל זיך ווענדן אין זיי), אבער ביידען האט באוויזן צו פארבעסערן זיין אנזען ווייזענדיג אז ער איז ביים רודער ווען עס האט אויסגעבראכן די כאמאס קעגן מדינת ישראל קריזיס.

ווען מען האלט מיט אפילו נאר אויף די שפיץ גאפל ווי די גויאישע פאליטישע קאמפיינס ווערן געפירט, כאפט אן עקל און א גרויל פאר א אידיש קינד, אלע ווערן איינגעשפאנט אין די איינציגסטע און וויכטיגסטע מיסיע פון טרעפן שמוץ אויף יענעם און אונטערברענגען דעם צווייטן. יענעמ׳ס בזיונות ווערט פארוואנדעלט אין אזא מין ״ספארט״ - א שפיל פון פארגיסן יענעמ׳ס בלוט.

עס איז וויכטיג צו באטאנען אז מען טאר נישט נעמען פאליטיק פערזענליך, ווייל עס איז נישט מער פון א שפיל פון צוויי קעגנערישע מחנות וואס יעדער וויל גארנישט מער ווי נצחון, קיינער איז נישטא ווייל ער וויל ״ראטעווען דאס לאנד״, קיינער פון זיי זוכט נישט דיין טובה, מיר דארפן אכטונג געבן נישט צו ווערן אריינגעשלעפט אין דעם מיאוסן שפיל פון תאוות הנצחון. דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר״ן חלק א׳ סימן קכ״ב) ״מדת הנצחון אינה סובלת האמת״ ווען א מענטש ווערט אריינגעשלעפט אין וועלן זיין גערעכט, וועט ער בשום אופן זיך קענען האלטן צום אמת.

די גאנצע זאך איז א מיאוסער שפיל ווי מען ווערט צוגעוואוינט צו שלעכטע מידות פון שקר / חנופה / גאוה / מתכבד זיין בקלון חבירו וואס איז ממש דאס פארקערטע וואס א איד זוכט צו טון.

מיר וועלן ווייטער נאר זוכן צו זען דאס גוטס און דאס שיינקייט פון יעדן איד, אפילו ער געהער צו מיין קאנקורירנדע פארטיי, מיר וועלן ווייטער דן זיין לכף זכות יעדן איד און מיט דעם וועלן מיר צוריק ברענגען צום אויבערשטן יעדן איד באשר הוא שם.

און נאך אלעם דארפן מיר געדענקן אז דער אויבערשטער פירט די וועלט און די גאנצע פאליטיק איז בלויז א שפיל וואס זוכט צו באהאלטן דעם אויבערשטן, מען זאל פארגעסן אז דער אייבערשטער פירט און מאכט אלעס יעדע רגע און יעדע מינוט.

**אין שום מציאות מבלעדיך יתברך כלל**

# שטעטל נייעס

## שיינע מסיבות לטובת כולל היכל הקודש ווערן אפגעהאלטן



אין די וואכן איז דער געטרייער גבאי פון די כולל מו"ה משה ארי' שניצלער הי"ו פארנומען מיט די מסיבות לטובת די הייליגע כולל היכל הקודש, דער כולל צו וואס אנשי שלומינו האבן א ספעציעלע געפיל - וויסענדיג אז מיט דעם שטיצט מען די טייערע אינגעלייט תלמידי חכמים וואס יראתם קודמת לחכמתם וואס זענען עוסק בתורה בהתמדה רבה אן קיין אפשטעל.

דער ראש ישיבה האט זיך שוין עטליכע מאל אויסגעדרוקט זיין וואונדער דאס וואס די אינגעלייט באמערקן ניטאמאל ווען ער קומט אריין, צוליב וואס זיי זענען אזוי ארייינגעטון אין די הייליגע תורה. און דאס זענען אויך מעיד אלע וואס קומען אריין אין בית המדרש און געבן א בליק אריין אינעם כולל, אז די אינגעלייט דרייען זיך נישט אויס פאר קיין שום זאך וואס זאל נאר פאסירן ארום און ארום.

די כולל האט דער ראש ישיבה אהער געשטעלט כדי מען זאל קענען אנגיין מיט די הייליגע קהילה, וואס דארף האבן דיינים צו קענען פסק'ענען אין אלע פעלער וואס מאכט זיך נאר שאלות. איידער מען שטעלט אהער א פרישע זאך אין די קהילה טוען די אינגעלייט אדורך דעם סוגיא און קומען מיט א קלארע פסק דין וויאזוי דאס אהערצושטעלן על פי הלכה. ווי צום ביישפיל די מקוואות, שחיטה, כשרות וכדומה. אויך וועלן בעזרת השם ארויסקומען פונעם כולל פרישע דיינים פאר אלע געגנטער אין שטעטל וואס פעלט אויס צוליב די וואוקס פון די קהילה.

דער מנהל ר' משה ארי' אראנדזשירט אין די טעג באזונדערע מסיבה'לעך פאר יעדע פון די בתי מדרשים אין שטעטל, פיר מסיבות זענען שוין פארגעקומען, מאנטאג לך לך, איז געווען א מסיבה ביי מו"ה רפאל פורסט הי"ו פאר די מתפללים פון בית המדרש מקור השמחה.

מיטוואך לך לך האט מו"ה ישראל חיים ברוין הי"ו מסדר געווען א מסיבה פאר די מתפללי בית המדרש ליקוטי מוהר"ן, מיטוואך חיי שרה האט מו"ה ישראל סאמעט הי"ו פאררופן א מסיבה ווי די מתפללי בית המדרש פעולת הצדיק האבן זיך באטייליגט, און מיטוואך וירא איז פארגעקומען א שיינע מסיבה ביי ביים בית המדרש עצתו אמונה.

ביי די מסיבת האט ר' משה ארי' אויפגעטרעטן און בעיקר ארויסגעברענגט די נייע איניציאטיוו וואס איז מעודד די וואס קענען נישט געבן גרויסע סכומים פאר'ן כולל, מען זאל זיך איינשרייבן צו באקומען א פערזענליכע טעקסט פונעם גבאי וואס ווערט זיי פרעגן וויפל זיי קענען געבן יעצט, און ווי ר' משה ארי' זאגט זענען די וואס האבן זיך איינגעשריבן אים זייער דאנקבאר, ווייל דורכדעם זענען זיי שוין אנגעקומען צו קענען אויסצאלן א זכות "אברך לחודש" פון $1,400 דורך דעם מהלך פון פרוטה פרוטה מצטרפת, און עס איז אפילו פאראן אינגעלייט וואס האבן געקענט קומען צום סעודת ראש חודש מיט'ן ראש ישיבה, אלעס בלויז דורכן געבן וויפיל זיי קענען.

אויך איז זייער באקאנט די "סעודות ראש חודש מיט'ן ראש ישיבה" וואס ווערט אהערגעשטעלט דורכן כולל, דאס איז ספעציעל געווידמעט פאר די אינגעלייט וואס גיבן א פרנס השבוע, זיי קענען האבן די זכות צו מיטהאלטן דעם הערליכן סעודות ראש חודש וואס איז שוין היינט באקאנט אלס א גאר רייכע און אינהאלטסרייכע סעודה, וואס ציעט זיך פאר איבער צוויי שעה אנגעפולט מיט גאר אסאך תוכן.

א חלק פון די שמועסן ווערט דערנאך ארויפגעלייגט אויף קול ברסלב, אבער א גרויס חלק גייט נישט ארויס אין פאבליק, דאס בלייבט צווישן דעם ראש ישיבה מיט די אינגעלייט וואס האבן מיטגעהאלטן דעם סעודה.

יעדער קען צוקומען צו זיין ביי א סעודת ראש חודש מיט'ן ראש ישיבה, און איבער פופציג אינגעלייט זענען שוין אנגעקומען דערצו. פאר סיי וועלכע פראגע, און פאר נדבות פאר'ן כולל, קען מען זיך אלץ פארבינדן מיט'ן מנהל מו"ה משה ארי' שניצלער הי"ו 347-585-6166.

היכל הקודש

# נייעס

ארץ ישראל

## גליון "דער ראש ישיבה זאגט" אויף ענגליש צייכענט אפ א יאר




יעצט ווערט א יאר פונעם הערליכן גליון "דער ראש ישיבה זאגט" וואס קומט ארויס וועכנטליך בעזר השם.

עס האט זיך אנגעהויבן ווען דער גרויסער מפיץ מו"ה שמואל קאהאן הי"ו פון ירושלים, וואס רעדט א פליסיגער ענגליש האט אנגעהויבן הערן די שיעורים פון ראש ישיבה מיט עטליכע יאר צוריק, וואס מיט די צייט האט ער געשפירט ווי די ווערטער פונעם ראש ישיבה שליט"א גייען אריין אין זיין הארץ מער און מער, און ער האט זיך געטראפן כסדר אין מצבים וואס ער האט ווי געזאגט צו זיך אליינס "דער ראש ישיבה זאגט" אזוי און אזוי.

נאכן הערן אזוי סאך דרשות און רעדן צו מענטשן דערפון האט ער אביסל מער פון צוויי יאר צוריק אנגעהויבן פארשפרייטן שיינע מעסעדזשעס אויף ענגליש פון א קרישקעלע פון בערך א האלבע מינוט, איינע פון די טויזנטע דיאמאנטן וואס דער ראש ישיבה שליט"א פארקויפט יעדן טאג. ער האט עס אפגעטייפט פאר זיך איבערגעטייטש אויף ענגליש, און האט עס רעקאָרדירט שיין און קלאר און ארויסגעשיקט פאר די חברים וואס רעדן ענגליש, אז זיי זאלן אויך קענען טרונקען פון די יין המשומר פון די אונגארישע ווײַן.

נאכדעם וואס דאס האט אנגעהאלטן איבער א יאר, האט ער באמערקט אז ער האט יעדע וואך זעקס הערליכע פערל ווערטער חיזוק און עצות הדרכה אויף למעשה וואס איז שוין אפגעטייפט אויף ענגליש, וואס וואלט געווען זייער א גלייכע זאך מען זאל עס ארויסגעבן פאר די וועלט. אז אז די וואס באקומען נישט זיינע מעסעדזשעס אויפן טעלעפאן זאלן אויך קענען הנאה האבן דערפון.

ער האט מיטגעטיילט זיין געדאנק מיטן גרויסן מפיץ אין ירושלים דער גבאי פונעם בית המדרש מו"ה שמעון עוזר פערל שליט"א וואס האט אים שטארק מעודד געווען און האט אליינס געמומען די אפגעטייפטע ווערטער פון אים און דאס הערליך אויסגעשטעלט אלס א גליון מיט די נאמען "דער ראש ישיבה זאגט", ווי יעדע שטיקל הייבט זיך אן מיט די ווערטער "דער ראש ישיבה זאגט", ארויסגענומען פון א בריוו, א דרשה, א חיזוק יומי, א גליון, וכדומה.

די גליונות ווערן יעדע וואך צוכאפט ביי די ענגליש רעדנדע אידן, ווי די מפיצים אין לעיקוואוד / בארא פארק / פלעטבוש זאגן עדות, ווען פילע שולן און יחידים בעטן כסדר מען זאל זיי ברענגען דעם הערליכן גליון "דער ראש ישיבה זאגט" וואס ווי זיי זאגן קענען זיי נישט צוגיין צו א שבת אן זיך דערקוויקן מיט די הערליכע עצות.

דער גליון קען מען באקומען אויף אימעיל, און ביי די מפיצים.

צו הערן א שיינעם שמועס מיטן ארויסגעבער קען מען רופן קול ברסלב ביי די לענגערע אינטערוויוס.

דער אייבערשטער זאל אים געבן כח ווייטער אנצוגיין מיט די הייליגע ארבעט פון ארויסגיין דעם גליון יעדע וואך, און אזוי מחי' זיין אידן פון איבער די גאנצע וועלט.

**על ידי הפצה ספרי רבינו נביא את משיח צדקינו**



# מעשיות פון תפילה

## יואליש קרויס - ביתר עלית:

פארגאנגענעם דאנערשטאג לך לך האב איך געלייגט העמדער צו וואשן אינעם וואש מאשין, צוויי שעה שפעטער קום איך צוריק צום מאשין, און איך זע אז די העמדער האבן זיך נישט געוואשן.

ביזערוייל האב איך נאכאמאל אנגעצינדן די וואש מאשין און געגאנגען שלאפן. אינדערפרי' האב איך נאכאמאל געזען אז עס האט נישט געוואשן, די מאשין ארבעט עפעס נישט געהעריג, וואס טוט מען דא?

איך האב עס נאכאמאל אנגעצונדן און געקוקט וואס ס'פאסירט, למעשה האב איך געזען אז נאך צוויי מינוט ארבעטן לעשט זיך אויס. איך האב גערופן איינער וואס פארררעכט אזאנע מאשינען, און ער האט געזאגט אז מען קען עס פארררעכטן, אבער פאר אסאך געלט.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן "הייליגער באשעפער העלף מיין וואש מאשין זאל צוריק אנהייבן ארבעטן ווי געהעריג אן קיין פראבלעמען, העלף מיר איך זאל וויסן וואס צו טון".

גלייך נאכדעם האב איך מיר דערמאנט אז איך האב נישט געענדיגט מעביר סדרה זיין פאריגע וואך, איך האב מיר גלייך אראפגעזעצט יענעם טאג צו ענדיגן מעביר סדרה זיין.

נאך יענעם טאג האט מיר דער פארררעכטער גערופן זאגן אז ער קען עס פארררעכטן אויף א וועג עס זאל גארנישט קאסטן קיין געלט, ער איז אריבער געקומען, ער האט עפעס געגעבן א ריק אהער און ריק אהין און עס אנגעהויבן צוריק צו ארבעטן ווי געהעריג.

## יודל טירנויער - קרית ברסלב:

פון אלס קינד לייד איך אויף א געוויסע קאפ ווייטאג וואס ארבעט אז פלוצלינג הייבט מען אן זען אויף איין זייט זייער צומישש פאר בערך פופצן צוואנציג מינוט, און ווען דאס ענדיגט זיך הייבט אן גאר שטארק ווי' צו טון אינטער די אנדערע אויג, און מען ווערט פון דעם גאר שוואך, מען דארף זיך ארייגלייגן אין בעט פאר אפאר שעה.

אזוי פלעגט דאס זיין לאנגע יארן, למשל אינמיטן די ארבעט ווען דאס האט פאסירט האב איך געדארפט אהיימגיין און זיך אראפלייגן.

שטענדיג בעט איך דעם אייבערשטן אז דאס זאל אינגאנצן אוועקגיין, און דער אייבערשטער גייט זיכער העלפן.

פארגאנגענעם שבת ביי שחרית האב איך פלוצלינג געשפירט די קאפ ווייטאג גאר שטארק, איך האב גלייך געבעטן דעם אייבערשטן פון טיפעניש פון הארץ אז דאס זאל אוועקגיין בעוד מועד, איך האב שטארק צוגעמאכט מיינע אויגן וואס דאס העלפט אויך אין אזאנע פעלער, און פלאי פלאים די ווייטאג איז אוועק געגאנגען ממש שלא כדרך הטבע. שכח אייבערשטער פאר די ניסים וואס דו טוסט מיט מיר און מיט יעדן איינעם יעדן טאג און יעדן מינוט.

## יוסף הכהן כ"ץ - ירושלים:

מיר זענען געפארן קיין אמעריקע פאר שמחת תורה צו זיין ביים ראש ישיבה שליט"א, ביים לַאנדן האב איך זיך געפריידט אז איך האב גלייך געטראפן מיין רענצל, אבער נאכן ארויסגיין פון עירפארט ווען איך האב עפעס געוואלט עפעס ארויסנעמען פונעם רענצל האב איך באמערקט די טעות וואס דא האט פאסירט, איך האב מיר פארטוישט מיט איינעמס רענצל...

איך האב שנעל געוואלט צוריקגיין, אבער איך האב שוין נישט געקענט ווייל איך בין שוין געווען אינדרויסן. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן זיי זאלן מיר לאזן צוריק אריינגיין. איך האב זיי פרובירט מסביר זיין מיט מיין צוהאקטע ענגליש און מיט ווייזן מיט די הענט פארוואס איך וויל צוריק אריינגיין.

שכח אייבערשטער אז זיי האבן מיר פארשטאנען און זיי זענען געגאנגען קוקן אויב מיין רענצל ליגט דארט.

זיי קומען צוריק און זאגן אז זיי האבן מיין רענצל, אבער כדי דאס צו באקומען דארף איךווארטן דא צוויי שעה...

איך האב גלייך געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל נעמען שנעלער, איך זאל נישט דארפן ווארטן אזוי לאנג, אויך האבן מיר געזאגט צו מפרסם זיין די מעשה אינעם בלעטל.

וואונדער איבער וואונדער בערך נאך פערציג מינוט האבן מיר שוין געהאט אונזער רענצל אין די האנט.

# א בריוו

פונעם ראש ישיבה שליט״א

**שְׁאֵלָה:**

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

אִיךְ הָאבּ גֶעהֶערְט אַ שִׁיעוּר פוּן אַייךְ אַז מֶען קֶען דֶערְקֶענֶען דָאס יִרְאַת שָׁמַיִם פוּן אַ בָּחוּר אוֹיף זַיין דַאוֶונֶען, אוֹיבּ עֶר דַאוֶונְט אוֹיף אֵיין פְּלַאץ אוּן עֶר קוּקְט אַרַיין אִין סִידוּר.

הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט צוּלֵייגְן אוֹיף דֶעם אָן הֶעֱרָה, אַז וֶוען דֶער לֵב שִׂמְחָה פוּן גוּר זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז אַרַיין מִיט זוּן, דֶער הַיינְטִיגֶער גוּרֶער רֶבִּי שְׁלִיטָ״א, פַאר זַיין בַּר מִצְוָה צוּ נֶעמֶען אַ בְּרָכָה פוּן הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי אַהֲרֹן מְבֶּעלְז זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט דֶער הֵיילִיגֶער בֶּעלְזֶער רָב אָנְגֶעזָאגְט דֶעם בָּחוּר אַז עֶר זָאל אַלֶעמָאל מַקְפִּיד זַיין אוֹיף דְרַיי זַאכְן. אֵיינְס, צוּ שְׁטֵיין אוֹיף אֵיין פְּלַאץ בַּיים דַאוֶוענֶען פוּן אָנְהוֹיבּ בִּיז׳ן סוֹף, צְווייטְנְס, נִישְׁט צוּ רֶעדְן קַיין דְבָרִים בְּטֵלִים מִיט דִי תְּפִלִין, דְרִיטְנְס, צוּ דַאוֶוענֶען אִינֶעוֵוייניג אִין סִידוּר. אוּן מֶען קֶען טַאקֶע זֶען בִּיז׳ן הַיינְטִיגְן טָאג וִוי דֶער גוּרֶער רֶבִּי שְׁלִיטָ״א אִיז דָאס מְקַיֵּים.

אַ גְרוֹיסְן יְיַשֶּׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים אוּן חִיזוּק.

**תְּשׁוּבָה:**

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ - יוֹם ב׳ פַּרְשַׁת תּוֹלְדוֹת, כ״ז מַר-חֶשְׁוָן, שְׁנַת תשע״ט לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מוֹהֲרָא״שׁ פְלֶעגְט שְׁטֶענְדִיג רֶעדְן אוּן מְעוֹרֵר זַיין אַז מֶען זָאל דַאוֶונֶען נָאר אִין אַ סִידוּר אוּן מֶען זָאל שְׁטֵיין אוֹיף אֵיין פְּלַאץ בַּיים דַאוֶונֶען. יֶעדֶעס מָאל מֶען אִיז גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא״שׁ פְרֶעגְן אוֹיף אַ שִׁידוּךְ פְלֶעגְט מוֹהֲרָא״שׁ זָאגְן מֶען זָאל **נָאכְקוּקְן דֶעם בָּחוּר וִוי אַזוֹי עֶר דַאוֶונְט**, אוֹיבּ דַאוֶונְט עֶר אוֹיף אֵיין פְּלַאץ אוּן עֶר דַאוֶונְט אִין אַ סִידוּר אִיז אַ סִימָן עֶר אִיז אַן עֶרְלִיכֶער בָּחוּר.

אַז מֶען דַאוֶונְט אוֹיסְנֶווייניג אִיז אָפְּגֶערֶעדְט אַז מֶען קֶען נִישְׁט אִינְזִין הָאבְּן, נָאר אֲפִילוּ דִי וֶוערְטֶער זָאגְט מֶען נִישְׁט, מֶען פָּארְט אַרַיין פוּן אֵיין שְׁטִיקְל דַאוֶונֶען צוּם צְווייטְן. צַדִיקִים הָאבְּן גֶעטַייטְשְׁט דָאס וָואס שְׁטֵייט אִין דִי מְגִילָה (אֶסְתֵּר ט, כה): **״אָמַר עִם הַסֵּפֶר, יָשׁוּב מַחֲשַׁבְתּוֹ הָרָעָה״**; אַז מֶען דַאוֶונְט אִין אַ סִידוּר אִיז דָאס אַ סְגוּלָה אַז מֶען זָאל מְכַוֵּון זַיין דִי פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת אוּן אַלֶע פְרֶעמְדֶע מַחֲשָׁבוֹת זָאלְן אַוֶועק גֵיין, אַזוֹי אוֹיךְ בְּרֶענְגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי ר׳ אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ (צֶעטְל קָטָן, סִימָן יא) אַז וֶוען מֶען דַאוֶונְט זָאל מֶען **דַאוֶונֶען אוֹיף אֵיין פְּלַאץ אִין אַ סִידוּר**, דָאס אִיז מְסוּגָל צוּ קֶענֶען מְכַוֵּון זַיין דִי פֵּירוּשׁ הַמִּילוֹת.

אִינְטֶערֶעסַאנְט צוּ הֶערְן דָאס וָואס דוּ דֶערְצֵיילְסְט פוּן הֵיילִיגְן בֶּעלְזֶער רָב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; מוֹהֲרָא״שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דֶערְצֵיילְט (רִגְעֵי מוֹהֲרָא״שׁ, סְעִיף קָטָן י) אַז פַאר זַיין בַּר מִצְוָה הָאט אִים זַיין מַאמֶע עָלֶיהָ הַשָּׁלוֹם גֶענוּמֶען צוּם בֶּעלְזֶער רָב נֶעמֶען אַ בְּרָכָה, (וַוייל זַיין טַאטֶע, דֶער טָאקַייעֶר רָב זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט זִיךְ דַאן גֶעפוּנֶען אִין אַמֶערִיקֶע מִיט זַיין עֶלְטְסְטֶער זוּן, אוּן מוֹהֲרָא״שׁ אִיז גֶעבְּלִיבְּן אַלֵיינְס מִיט זַיין מַאמֶע אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל בִּשְׁעַת זַיין בַּר מִצְוָה) עֶר הָאט גֶעבֶּענְטְשְׁט מוֹהֲרָא״שׁ אוּן אִים אָנְגֶעזָאגְט דְרַיי זַאכְן: **א - עֶר זָאל נִישְׁט רֶעדְן מִיט דִי תְּפִילִין; ב - עֶר זָאל זִיךְ נִישְׁט אַרוּם דְרֵייעֶן בַּיים דַאוֶונֶען; ג - עֶר זָאל זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף אַ גוּף נָקִי** (עֶר הָאט אִים גֶעזָאגְט בָּזֶה הַלָּשׁוֹן: ״וֶוען מֶען רֵיינִיגְט זִיךְ דַארְף מֶען נוּצְן אַסַאךְ פַּאפִּיר״; עֶר הָאט אִיבֶּער גֶעזָאגְט אַפָּאר מָאל ״אַסַאךְ פַּאפִּיר״), אוּן עֶר הָאט אוֹיסְגֶעפִירְט: ״אוֹיבּ דוּ וֶועסְט דָאס מְקַיֵּים זַיין וֶועסְטוּ אוֹיסְוַואקְסְן אַ גָּדוֹל בְּיִשְׂרָאֵל״.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל אוּנְז הֶעלְפְן בִּזְכוּת דִי הֵיילִיגֶע צַדִיקִים וָואס הָאבְּן זִיךְ מוֹסֵר נֶפֶשׁ גֶעוֶוען פַאְרן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז מִיר זָאלְן הָאבְּן שֶׁפַע בְּרָכָה וְהַצְלָחָה.**

# א שיחה

פון דער

ראש ישיבה שליט״א



## פַּארְבָּארְגְן גֶעלְט

**אִין אַ שְׁמוּעֶס וֶועגְן מֶענְטְשְׁן וָואס צָאלְן נִישְׁט צוּרִיק וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעבָּארְגְט פוּן אַנְדֶערֶע, הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה גֶעזָאגְט:** אז איינער איז דיר שולדיג געלט זאלסטו אים נישט מבזה זיין פאר אנדערע. מען דארף זייער אכטונג געבן אויף א צווייטנ׳ס געפילן, מען קען זיך נישט פארשטעלן ווי חשוב א איד איז ביים אייבערשטן, בפרט א צעבראכענע הארץ; אויב טוט מען וויי א צעבראכענע הארץ און דער צעבראכענע הארץ געבט א געשריי צום אייבערשטען הערט דער אייבערשטער צו זיין געשריי.

געב אכטונג נישט צו בארעדן א צווייטן; מען האט גארנישט פון רעדן אויף אנדערע. ענדערש רעד צום אייבערשטן, פארצייל פארן אייבערשטן אז מענטשן זענען דיר שולדיג געלט און זיי מאכן זיך נישט וויסנדיג, בעט אים ער זאל דיר העלפן.

איידער איך בין מקורב געווארן צו מוהרא״ש און איך האב נאך נישט געוויסט אז מען דארף אכטונג געבן נישט צו געטרויען מענטשן, האב איך אוועק געבארגט פאר מענטשן צענדליגער טויזנטער דאללער, און פארשטייט זיך אליינס וויפיל מענטשן באצאלן... רוב זענען געבליבן שולדיג און זיך ניטאמאל וויסנדיג געמאכט. ווען איך בין מקורב געווארן צו מוהרא״ש און געהערט די עצה פון התבודדות האב איך געבעטן דעם אייבערשן אז די בעלי חובות זאלן מיר באצאלן און וואונדער איבער וואונדער, כמעט אלע האבן שוין באצאלט. דאס זאלסטו אויך טון, בעט דעם אייבערשטן אז די אלע וואס זענען דיר שולדיג זאלן האבן שפע און ארויס גיין פון זייערע חובות.

בארגן געלט איז א מצוה, אבער אויב מען בארעדט יענעם און מען פארציילט פאר אלעמען ווער און וואס יענער איז, איז יצא שכרו בהפסדו.

איך וויל זייער שטארק אז אלע תלמידי היכל הקודש זאלן זיך ליב האבן; איך האב ליב יעדן תלמיד און איך וויל אז איר זאלט זיך אויך ליב האבן.

(מכתב א׳ תולדות תשע״ט)

משה ארי' שניצלער



# די הארץ באכעט אויף טוידעכט

לעולם איז יעצט מיין באשטימטע צייט צו שרייבן פאר די בלעטל, אבער עפעס אויסערגעווענליכעס האט דא פאסירט, איך קען מיר נישט קאנצענטרירן דעם מח, איך קען נישט מצמצם זיין מיינע געדאנקען, דאס וואס טוט זיך דא אפ אין די יעצטיגע מינוטן קען צושרויפן דעם גרעסטן בעל כשרון, דעם טיפסטן בעל מחשבה, דעם שארפסטן קאפ.

וואס גענוי האט פאסירט?

פשוט, איינער האט דא אין אפיס אראפגעלייגט א ראד קאקאשקעקיק לזכר נשמת דעם בעל היארצייט זאל רוען און זיך מיען.

נאך א מזל אז ס'איז שוין נאך אכט אזייגער ביינאכט! איך עס קאקאשקעקיק נאר ווען ס'איז שוין נאך אכט אזייגער ביינאכט! ווייל יעצט שלאפט שוין דער דאקטער וואס האקט א קאפ וועגן דייעביטיס... א מחי'! ער גייט קיינמאל נישט וויסן אז איך עס געהעריג קאקאשקעקיק אזוי ווי אלע אורדינערי סיטיזענס.



ווען ס'קומט צו קאקאשקעקיק בין איך שוין נישט אחראי אויף גארנישט, אזוי ווי ווען מ'לייגט צוקערלעך ביי די קליינע קינדערלעך. ס'איז פשוט נישט מיין שולד, ווער האט אים געהייסן לייגן קאקאשקעקיק נעבן אזא שוואכלינג ווי איך...



ווען איר וואלט געזען ווי דער קאקאשקעקיק בעט זיך מיט יאמערליכע טרערן (צונויפגעמישט קאקאו און צוקער) אז ער וויל אריינגיין אין א אידישע קערפער וואלט איר פארשטאנען מיין קאשמארישע אנגסט אין וואס איך געפין זיך דא.



איך בין דאך באוואוסט אלס מוותר, וועל איך זיך אונטערגעבן צו די לחץ וואס די גערוך פון די קאקאשקעקיק דרוקט אויף מיר, ווילאנג קען א בשר ודם זיך קריגן מיט א ראד קאקאשקעקיק?



אבער ערנסט גערעדט, לעצטנס האב איך זיך גענומען אין די האנט





ארייַן, איך גיב מיך לעצטנס זייער אכטונג וואס איך עס, איך טראכט צען מאל פאר איך נעם א סלייס קאקאש קעיק, דערפאר נעם איך נאר א קליינע שיפע סלייס, און איך שטופ עס אוועק ווייט ווייט אוועק, זיבן אינטשעס ווייט, דערנאך ווען איך זע ווי פארשעמט די קאקאש איז פון זיין שיפע פארדרייטע פנים, מאך איך אים שנעל גראד, אז זיינע חברים זאלן אים נישט נאכשרייען אז ער פארשעמט די קאקאשקעיק געמיינדע מיט זיין שיפע פנים. נאכדעם ווען ס'גייט אדורך צען סקונדעס און עס באפאלט מיך נאכאמאל א טויטליכער הונגער, נעם איך שנעל נאכאמאל נאך א שיפע סלייס, פשוט אלס פיקוח נפש, איך זאל נישט חלילה אוועקפאלן דא נעבן די קאקאשקעיק. מיט גרויס זריזות מאך איך שנעל גראד די קאקאשקעיק, כדי מ'זאל נישט קענען טייטלען מיטן פינגער אז איך בין דער וואס האט היינט פארשעמט די גאנצע עולם ה'קאקאשקעיק, און נאכאמאל שיף און נאכאמאל גראד, וחוזר חלילה עשר או עשרים פעמים עד שלא נשאר מכל הקאקאשקעיק לא שריד ולא פליט.

אבער איך מיין עס אמת'דיג, איך געב זיך שטארק אכטונג לעצטנס, איך בין זייער צוקאכט וועגן דייעט.

איך האב זיך צונויפגעשמועסט מיט מיין חבר חיים'ל. חיים'ל האט זיך געמוזט נעמען אין די הענט אריין, ווייל זיין סקעיל האט געשריגן מיט רויטע

**חיים'ל האט עס גענומען ערנסט און אנגעהויבן נישט אין דייעט, נאר פיר דייעטס!**



בליטשקעדיגע אותיות this scale is not for trucks.

חיים'ל האט עס גענומען ערנסט און אנגעהויבן נישט איין דייעט, נאר פיר דייעטס!

ניינע צופרי הייבט מען אן מיט די פרוכט דייעט, א קיילעכיגן קענטעלאופ.

צענע קומט די פראטין דייעט, געבאקענע סעלמאן באדריזלט מיט בעיזל און ארעגינאו, צוויי אייער כמעט פאר'ן ווערן הארט, טונא מיט סקאליאן און סעלערי, אוואקאדאו עג סעלעד, טונא סעלעד געמישט מיט צוויבעלעך געפרעיגלט אין אליוו אויל, מאצערעלא טשיז, מיונסטער טשיז, טשעדער טשיז, פארמאזשאן טשיז, פארמער טשיז, פעטע טשיז, ציגעלע טשיז, קאשקאוואל טשיז, עדאם טשיז, גודא טשיז, קרים טשיז וויל ער נישט נעמען ווייל ער וויל נישט








איבערטרייבן, אלעס האט א שיעור, אפילו פראטיען!

עלעווע קומט די בלוט טייפ דייעט, ער touch'ט נישט קיין ווייץ ברויט אפילו אויב מ'שיסט מיט א רעוואלווער, אויך נישט קיין rye ברויט, טויט צו רויט.

מ'ברענגט אריין oat ברויט, קארן ברויט, רייז ברויט, פלאקס ברויט, ראזשינקע ברויט, (בלויז איין רעפטל פון יעדע ברויט, ווייל ער וויל נישט די דייעט זאל flop'ן), oat קאקאשקעיק, פלאקס קאקאשקעיק, oat מארבלקעיק, oat שמאטע קעיק, oat לינזער טארט'ס, פלאקס קיפעלעך, פלאקס ראגעלעך (ס'איז ביידע די זעלבע, אבער חיים'ל נעמט נישט קיין טשענס, ער איז יוצא ביידע גירסות). צוויי טעפעלעך cheerios מיט מאנדעלע מילך.

צוועלעווע קומט די פערדע דייעט, "עס די האלב דייעט" מ'גייט יעצט עסן האלב פון אלעס וואס מ'האט געגעסן ביז יעצט.

חיים'ל איז געווארן דיזי און איבלדיג, ער האט נישט קיין אאאאאאנונג פארוואס, ער האט אמאל געהערט אז אויב מ'פילט דיזי און איבלדיג זאל מען טרינקען א טיי, ער זיפט שטייטעלעך פון די הויכע טיי גלעזעלע מיט די גרויסע אויער, די מצב ווערט נישט בעסער, זיין בויך וויינט, זיינע קישקעס זענען אונטער אונגעהויערע פרעשור, זיין הארץ באכעט אויף הונדערט פינעף און דרייסיג ב.פ.מ. נאך א מזל אז נעבן זיין הויז געפינט זיך א דאקטאר וואס איז ספעציעל געמאכט פאר מענטשן וואס עסן פיר דייעט'ס דריי מאל א טאג.

דער דאקטאר פרעגט וואס האסטו געגעסן לעצטנס?

טיי.

נישטא קיין רפואה פאר דיר!

נישטא קיין רפואה פאר חיים'ל!

איינער איז געקומען צו דער ראש ישיבה און געפרעגט אויב ס'איז דא עפעס אן עצה פאר אים?

א עצה אויף וואס?

א עצה פאר א מענטש וואס איז נאכט נאך נאכט אין א ליידיגע פלאץ און קוקט אויף די קאמפיוטער זאכן וואס איז זייער נישט גוט.

**א עצה פאר א מענטש וואס איז נאכט נאך נאכט אין א ליידיגע פלאץ און קוקט אויף די קאמפיוטער זאכן וואס איז זייער נישט גוט.**

דער ראש ישיבה האט אים געזאגט: לויט מוהרא"ש איז נישט דא קיין וועג ארויס נאר דורך זאגן משניות, משניות הרג'עט דעם יצר הרע.

זאגן משניות קען נישט גיין צוזאמען מיט ראיות אסורות, איינס וועט אוועקפאלן, אויב דו ביסט שטארק מיט זאגן משניות וועסטו ארויסגיין פון ראיות אסורות, אדער וועט די ראיות אסורות דיך מאכן אויפהערן זאגן משניות און אריינפאלן אין בלאטע נאכאמאל און נאכאמאל.

דער מענטש קומט צוריק צום






ראש ישיבה א חודש שפעטער אז ס'רירט זיך גארנישט, ס'ווערט נישט בעסער די מצב, ער זיצט אויפן קאמפיוטער אין שאול תחתית א גאנצע נאכט, ביז דער פרימארגן שיינט אויף.

דער ראש ישיבה פרעגט אים וואו האלטסטו מיט זאגן משניות?

ער זאגט נישט קיין משניות.

פארוואס? ווייל ער האט געפרעגט פון קאקאשקעיק'ער רבי צו זאגן משניות איז א גוטע זאך, האט דער קאקאשקעיק'ער רבי געענטפערט אז ס'איז געמאכט פאר מענטשן וואס מוטשענען זיך מיט אידישקייט, אבער אזא זיידענער איידעלער אינגערמאל ווי דו, איז בעסער צו לערנען יעדן טאג א בלאט צווי מיט ראשונים ואחרונים.

האסט געזאגט פאר'ן קאקאשקעיק'ער רבי'ן אז דו פארברענסט דיין נשמה אויף די קאמפיוטער?

אוודאי נישט!

פאר אזא איד איז נישט דא קיין רפואה. אויב דו ווילסט נישט זאגן פאר'ן דאקטאר אז דו עסט דריי און צוואנציג סעודות במשך צוועלף שעה, דו ביסט בלויז א אומשולדיגער טיי טרונקער, ווי אזוי קען מען דיך אויסהיילן?

אויב דו פרעגסט וועגן משניות און דו שטעלסט דיך אהער ווי דו קוקסט נישט קיין שלעכטע זאכן אויפן קאמפיוטער, ווי אזוי קען דיך קאקאשקעיק'ער רבי אויסהיילן?

וואס איז די פוינט פון זיין טויט קראנק און גיין צו א דאקטאר און זאגן איך בין געזונט און ס'פעלט מיר גארנישט?

און בכלל, באלד ווועסטו מיר זאגן אז דו לעבסט מיט א מורה דרך, איך ווייס גוט אז דיין מורה דרך איז א תלמיד חכם און א ערליכער איד, אבער, געוואלד, דו פרעגסט אים זאכן וואס איז וויכטיג און relevant? אדער פשוט ער קומט צו דיין שמחה און וואונטשט לחיים און געגאנגען ווייטער...

**האסט געזאגט פאר'ן קאקאשקעיק'ער רבי'ן אז דו פארברענסט דיין נשמה אויף די קאמפיוטער?**

אויב דו האסט א מורה דרך וואס דו קענסט נישט face'ן וואו דיין שמירת עיניים האלט, איז ווועמען פאפסטו? דיין מורה דרך בלייבט ווייטער א ערליכער איד און א תלמיד חכם, אבער וואו גייסטו אנקומען? ווער קען דיר העלפן זיך היטן די אויגן וועז דו גייסט אויפן גאס?

האסט דאך שוין אזיפיל פרובירט, ביז דו טראכטסט שוין אז ס'איז נישט דא אזא זאך ווי לעבן מיט שמירת עיניים, פארוואס זאלסטו זיך מייאש זיין?! פארוואס זאלסטו נישט פרובירן צו זאגן איין פרק משניות יעדן טאג?!

וואס קענסטו דערלייגן?

# א מַעֲשֶׂה
## פוּן א צַדִּיק



### בַּאדִינְט דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן

דִי צְוֵוייטֶע וַוייבּ פוּן רֶבִּי נַחְמָן טוּלְטְשִׁינֶער זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז גֶעוֶוען אַ מְשָׁרֶתֶת אִין שְׁטוּבּ פוּן דִי צַדֵיקֶת אָדְל אַ טָאכְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן. בַּיים חוּפָּה הָאט אָדְל גֶעלֵייגְט אִין הֶענְט אוֹיף דִי אַקְסְל פוּן דִי כַּלָה אוּן זִיךְ אָנְגֶערוּפְן: אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעגֶעבְּן אַ עֶרְלִיכֶער מַאן".



וֶוען אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ פְלֶעגְן אִים פְרֶעגְן צוּ פַארְצֵיילְן מוֹפְתִים פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט פוּן רֶבִּי נָתָן, פְלֶעגְט עֶר זָאגְן: מוֹפְתִים? אַ מוֹפֵת בִּין אִיךְ! וַוייל דוּרְךְ דִי עֵצוֹת פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן הָאט עֶר זִיךְ אִיבֶּערְגֶעדְרֵייט אִינְגַאנְצְן צוּם גוּטְן, דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מוֹפֵת וָואס קֶען זַיין, צוּ טוֹישְׁן אַ בַּעַל בְּחִירָה עֶר זָאל שְׁטֶענְדִיג בֶּענְקְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פוּן אַלֶע אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען נָאךְ אַזַא אֵיינֶער וָואס זָאל אַזוֹי מְשַׁמֵשׁ זַיין רֶבִּי נָתָן, עֶר הָאט טַאקֶע מְקַבֵּל גֶעוֶוען פוּן רֶבִּי נָתָן אַלֶע דִיבּוּרִים וָואס אִיז גֶעוָוארְן אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן פוּן מוֹיל צוּ מוֹיל, וָואס דָאס פֶעלְט אוֹיס צוּ ווִיסְן כְּדֵי צוּ פַארְשְׁטֵיין אַלֶע דִיבּוּרִים וָואס אִיז גֶעוָוארְן גֶעשְׁרִיבְּן.

אוֹיךְ הָאט עֶר זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן פוּן רֶבִּי נָתָן אַלֶע דִיבּוּרִים וָואס אִיז גֶעוָוארְן שְׁפֶּעטֶער גֶעדְרוּקְט אִין לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת.

פוּן גְרוֹיס אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּנְקֵייט וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט פוּן דִי הֵיילִיגֶע דִיבּוּרִים פוּן רֶבִּי נָתָן הָאט עֶר זִיךְ אִינְטֶערְגֶענוּמֶען דָאס צוּ אוֹיסְשְׁטֶעלְן אוּן דְרוּקְן, וַוייל דִי כְּתַב יָד פוּן רֶבִּי נָתָן אִיז גֶעוֶוען שְׁוֶוער צוּ לֵיינֶען וַוייל עֶר הָאט גֶעשְׁרִיבְּן זֵייעֶר שְׁנֶעל, אוּן עַל פִּי רוֹב אִיז גֶעוֶוען גֶעשְׁרִיבְּן אֵיין וָוארְט אִינֶעם צְוֵוייטְן.

לַאנְגֶע יָארְן הָאט עֶר גֶעאַרְבֶּעט אוֹיף דֶעם בִּיז עֶר הָאט דָאס גֶעעֶנְדִיגְט דְרוּקְן.

זַיין זוּן רֶבִּי אַבְרָהָם פְלֶעגְט זָאגְן אוֹיף זַיין טַאטְן רֶבִּי נַחְמָן דָאס וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אוֹיף רֶבִּי נָתָן "וֶוען נִישְׁט רֶבִּי נָתָן וָואלְט פוּן מִיר נִישְׁט גֶעבְּלִיבְּן אֵיין בְּלֶעטְל שֵׁמוֹת", אַז דָאס גֵייט אוֹיךְ אַרוֹיף אוֹיף רֶבִּי נַחְמָן, וָואס וֶוען נִישְׁט אִים וָואלְט דִי תּוֹרוֹת פוּן רֶבִּי נָתָן בִּכְלַל נִישְׁט גֶעוָוארְן גֶעדְרוּקְט.

(אילן החיים קכט -קלב)





# דעם הייליגן רבינ'ס
# לעבנסגעשיכטע

| פ א ר ז ע צ ו נ ג |

- נ"ד -

**פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:** אֵיין טָאג, אִין אָנְהוֹיבּ ווִינְטֶער שְׁנַת תקנ"ח, אִיז ר' שִׁמְעוֹן גֶעקוּמֶען צוּ פָארְן צוּם רֶבִּי'ן קַיין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ יֶעצְט עֶפֶּעס אַ נְסִיעָה וָואס אִיךְ דַארְף עֶרְגֶעץ פָארְן, אִיךְ וֵוייס אָבֶער נִישְׁט וואוּ אַהִין". ר' שִׁמְעוֹן הָאט גֶעלַאכְט אוּן גֶעזָאגְט, "ווִי אַזוֹי קֶען מֶען פָארְן, אוֹיבּ וֵוייסְט מֶען נִישְׁט וואוּ מְ'ווִיל פָארְן?", דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָבֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אִיךְ וֵוייס בֶּאֱמֶת נִישְׁט". אוּן אַזוֹי הָאבְּן זֵיי זִיךְ אַרוֹיסְגֶעלָאזְט אוֹיפְ'ן וֶועג וָואס פָארְט קַיין מֶעזֶעבִּיזְשׁ.

* * *

וֶוען מְ'אִיז אָנְגֶעקוּמֶען קַיין מֶעזֶעבִּיזְשׁ, אִיז דֶער רֶבִּי אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען צוּ זַיינֶע הֵיילִיגֶע עֶלְטֶערְן, אוּן זֵיי הָאבְּן זִיךְ זֵייעֶר גֶעפְרֵיידְט צוּ אִים. עֶר אִיז גֶעזֶעסְן דָארְט פַאר אַ שְׁטִיק צַייט, אוּן דֶערְנָאךְ הָאט אִים זַיין מַאמֶע דִי צַדֶיקֶת גֶעזָאגְט, "מַיין טֵייעֶר קִינְד, וֶוען וֶועסְטוּ גֵיין צוּ דַיין זֵיידֶע דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע [דָאס מֵיינְט צוּ זַיין הֵיילִיגֶער קֵבֶר]?", הָאט אִיר דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אוֹיבּ מַיין זֵיידֶע ווִיל מִיר טְרֶעפְן, זָאל עֶר קוּמֶען צוּ מִיר אַהֶער".



בַּיינַאכְט הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ גֶעלֵייגְט שְׁלָאפְן, אוּן אִינְדֶערְפְרִי אִיז זַיין מַאמֶע אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּן אִים גֶעזָאגְט, "יֶעצְט אִיז דַיין זֵיידֶע דָאךְ שׁוֹין גֶעוֶוען בַּיי דִיר, וֶוען וֶועסְטוּ צוּרִיק גֵיין צוּ אִים [צוּ זַיין הֵיילִיגֶער קֵבֶר]?", הָאט דֶער רֶבִּי אִיר גֶעזָאגְט, "יֶעצְט וֶועל אִיךְ נִישְׁט גֵיין צוּ זַיין קֵבֶר, וֶוען אִיךְ וֶועל זַיין אוֹיפְ'ן וֶועג צוּרִיק וֶועל אִיךְ אִם יִרְצֶה ה' גֵיין צוּ אִים".

דֶער רֶבִּי אִיז דַאן גֶעוואוּיר גֶעוָוארְן פוּן הִימְל אַז עֶר דַארְף פָארְן צוּ דִי שְׁטָאט קַאמִינִיץ.

גְלַייךְ וֶוען זֵיי זֶענֶען אַרַיינְגֶעקוּמֶען צוּ דִי שְׁטָאט מֶעזֶעבִּיזְשׁ, אִיז ר' שִׁמְעוֹן דָארְט זֵייעֶר קְרַאנְק גֶעוָוארְן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעדַארְפְט אִיבֶּערְלָאזְן דָארְט אִין מֶעזֶעבִּיזְשׁ. וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ גֶעזֶעגְנְט פוּן ר' שִׁמְעוֹן, הָאט ר' שִׁמְעוֹן גֶעוֵויינְט אוּן גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי'ן, "וֶוען וֶועלְן מִיר זִיךְ נָאכְאַמָאל זֶען? אִיר קֶענְט זִיךְ דָאךְ פַארְזוֹימֶען אוֹיפְ'ן וֶועג וֶוער וֵוייסְט ווִי לַאנְג, אַזוֹי ווִי אִיר הָאט מִיר גֶעזָאגְט אִין מֶעדְוֶועדִיוְוקֶע?", דֶער רֶבִּי הָאט אִים אָבֶער בַּארוּאִיגְט אוּן גֶעזָאגְט, "אִיךְ וֶועל זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְהַאלְטְן צוּ לַאנְג, נָאר אוּמְגֶעפֶער אַכְט צוּ צֶען טֶעג אוּן נִישְׁט מֶער", ר' שִׁמְעוֹן הָאט אִים אָבֶער צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט, "רֶבִּי, אִיר הָאט מִיר דָאךְ אָבֶער גֶעזָאגְט אִינְדֶערְהֵיים אַז אִיר וֵוייסְט נִישְׁט ווִי לַאנְג דִי נְסִיעָה וֶועט נֶעמֶען?", הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אִינְדֶערְהֵיים הָאבּ אִיךְ טַאקֶע נָאכְנִישְׁט גֶעוואוּסְט, יֶעצְט וֵוייס אִיךְ שׁוֹין אָבֶער אַז אִיךְ דַארְף פָארְן קַיין קַאמִינִיץ, אוּן אִיךְ וֶועל נִישְׁט זַיין דָארְט פַאר צוּ לַאנְג, נָאר פַאר עֶטְלִיכֶע טֶעג ווִי פְרִיעֶר גֶעזָאגְט".

ר' שִׁמְעוֹן הָאט אָבֶער נִישְׁט גֶעוָואלְט אָפְּלָאזְן דֶעם רֶבִּי'ן, בִּיז עֶר וֶועט אִים צוּזָאגְן אַז וֶוען עֶר וֶועט צוּרִיק קוּמֶען וֶועט עֶר אִים טְרֶעפְן גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, אוּן עֶר וֶועט אִים מִיטְנֶעמֶען אַהֵיים. אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים טַאקֶע דָאס צוּגֶעזָאגְט.

וַוייל יֶענֶע נַאכְט אִין מֶעזִיבִּיזְשׁ אִיז דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב זי"ע גֶעקוּמֶען צוּ אִים אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר זָאל גְלַייךְ פָארְן קַיין קַאמִינִיץ.

דֶער רֶבִּי הָאט מִיטְגֶענוּמֶען דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס אִיז מִיטְגֶעפָארְן מִיט זֵיי פוּנֶעם דָארְף וָואלְחִיוִויץ, אוּן זֵיי הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פָארְן קַיין קַאמִינִיץ.

זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן ווִי פָּשׁוּטֶע מֶענְטְשְׁן, אָן קַיין שׁוּם פִּרְסוּם ווִי אַ רֶבִּי וָואלְט גֶעפָארְן. כָאטְשׁ וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען דֶעמָאלְט שְׁטַארְק מְפוּרְסָם אוֹיף דִי וֶועלְט, הָאט עֶר אָבֶער אָנְגֶעזָאגְט פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל אִים נִישְׁט מְפַרְסֵם זַיין אִין עֶרְגֶעץ, קֵיינֶער זָאל נִישְׁט ווִיסְן וֶוער עֶר אִיז. זֵיי זֶענֶען גֶעפָארְן בְּלוֹיז ווִי סוֹחֲרִים פָארְן פוּן אֵיין שְׁטָאט צוּם צְוֵוייטְן.

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִם יִרְצֶה הַשֵּׁם
**גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַדִיק"**

# באמבאדירונגען אין עזה



ישראל דוד העסקעל

דו אכמעד א פארעלטערטער פרומער אראבער שוין טיף אין די זיבעציגער יארן האט אלס שווערע דראמאטישע מעשיות צו פארציילן פאר די יוגנט פון 'די גאלדענע יארן' און דערנאך פון 'די שווערע יארן', יעדער אין געגנט קען אים.

ער פארמאגט א קליינעם קיאסק שוין פאר יארן אויפן זעלבן פלאץ, א ווינקל איינס פאר די הויפט גאס פון חאן יוניס אין עזה.

דער אכמעד ווייסט נישט פון קיין פאליטיק צו זאגן, ער איז נישט פארמישט אין קיינעם'ס געשעפטן ער איז פון די 'וואוילע' מענטשן וואס פאלגן אלס די מבינים, פאַרשטייער און פאָרשטייער, פירער און פארפירער... ער ווייסט נישט קיין מעשיות, א תמים און פון נאטור אויס א פאלגער, ער טוט אלס ווי אזוי 'מ'הייסט.



איין גאר א ווארימע מיטוואך צופרי זיצט זיך דער אכמעד אין זיין קיאסק, ער זופט זיך פון זיין שווערע גאר טונקעלע טערקישע קאווע בשעת ער מישט א בלעטל אין א צייטונג פון עטליכע חדשים צוריק.

ער קוקט זיך אום אין זיין קיאסק און טראכט צו זיך ס'האט שוין געזען בעסערע צייטן... ער פארקויפט דארט טעלעפאן טשארדשערס, ציגארעטן, מאגאזינען, קענדיס און אלע שמאנצעס פון א קיאסק.

די לופט אבער איז שטארק אנגעצויגן, ס'הערשט א מלחמה, די כאמאס רעגירונג זאגט אז מ'זאל אנגיין געהעריג מיטן לעבן, "מיר האבן א שטארקע ארמיי", די גאנצע שכינות יעדער פארמאגט א ביקס, הע הע לאמיר נאר זעהן, זאלן זיי זיך פרובירן אנצוהייבן מיט אונז..."

אלע קופקעס אין גאנץ חאן יוניס ווייסן קלאר צו זאגן אז 'מיר האבן עס ס'גייט זיין



גוט נישטא וואס זיך צו זארגן'.

די לאקאלע כאמאס רעגירונג זאגט אז מ'קען זיין רואיג מ'זאל נארווארטן צו הערן אלע אפדעיטס צו וויסן וואס מ'האט צו טוהן אבער מ'קען זיין רואיג.

צוויי טעג שפעטער שטייט אכמעד אין זיין קיאסק און דער עולם קופקעוועט מיט די נייעס, ס'הערשט אן אנגעצויגענע מינע אויף די פנים'ער, אכמעד געבט זיך א שאר צו, מיטצוהאלטן אביסל וואס גייט פאר.

שטייט דארט א מוכאמאד און שרייט ביזן הייזעריג ווערן: "גאנצע בנינים טראסקענען אראפ, ס'נישט נארמאל מ'מוז אנטלויפן, בלייבן דא איז נישט קיין אפציע מיר גייען גע'הרג'עט ווערן אויב בלייבן מיר דא, יעצט איז די צייט צו אנטלויפן!"

דער גאנצע עולם שטייט מיט אפענע מיילער, די הענט ווארפן זיך פאר שרעק... איז דאס אמת? זיי האבן טאקע באמבאדירט גאנצע געגנטער, און אפגעווישט ריזיגע בנינים? ווי אזוי קען זיין?

אינמיטן דער צומישעניש קומט צו שמייסן א ווייסע טאיאטא פיקאפ טרעקל מיט עטליכע אראבער פון אונטן צוגעדעקט די פנים, באוואפנט ביז די ציין און שרייען ווי צעוושעטע אינגען "נעעע האט נישט מורא, דאס איז נאר פראפאגאנדע, זיי ווילן צוקלאפן אונזער מאראל און אונזער שטאלץ".

"די אלע נייעס איז פאבריצירט, מ'האט נישט געהאלטן פון דעם, חברה, אללא אקבאר אונז זעמיר שטארק, דער פיינט ציטערט פון אונז, האט נישט מורא! בלייבט אלע דא מיט אונז, ביים פירערשאפט זענט איר פארזיכערט פון סיי וועלכע מלחמות אדער אטאקעס."

אללא אקבאר שרייען אלע נאך מיט שטאלץ! יא יא דער אלטער אכמעד שלעפט זיך צוריק צו זיין קיאסק בארואיגנדיג זיך אליין 'די רעגירונג אונזערע איז א פיינע רעגירונג, זיי האבן אונז נישט פארפירט ביז אהער זיי וועלן אונז ווייטער נישט פארפירן...'

נאך צוויי טעג גייען אריבער און דער אכמעד זיצט זיך אויף זיין אלטע אויסגעוועטשטע ברוינע בענקל אין זיין קיאסק און פלוצלינג הערט זיך א גערודער. ער לויפט ארויס קוקן וואס גייט פאר און ער זעט ווי אינמיטן א הייסע זומער טאג קומט שניי צו פאלן.

נאך א מינוט איז זיך די גאנצע געגנט צוזאמען געלאפן זען די סומאטוכע, ס'קומען צעטעלעך צו פליען פון הימל!

די צעטעלעך לאנדן מיט א קלארע מעסעדזש:

"אויב ווילט איר לעבן דאן אנטלויפט ווייל נאך אביסל גייען קומען באמבעס צו פליען אויף די גאנצע געגנט און דעמאלט וועט זיין צו שפעט. אויב איז אייך אייער לעבן טייער אנטלויפט ווי לאנג איר קענט נאך!"





דער אלטער אכמעד מיט זיינע פריינט צולאכן זיך הויך "מע שטותים, מ'וויל אונז סתם ברעין וואשן, זיי ווילן אונז פארכאפן..." אלע אינאיינעם הייבן אן צורייסן די צעטלעך, וואס שטייט דא אזוינע שטותים, מיר האבן דאך אונזערע געטרייע כאמאס וואס געבט אויף אונז אכטונג, זיי זאגן מ'זאל עס אפילו נישט ליינען נאר גראד צורייסן און פארברענען.

***

יענקל זיצט אין אפיס נאכן באקומען זיין נייע דזשאב, עס זעט אלעס אויס זייער גוט, אלעס פארט פיין, א פיינע סביבה, א פיינר בעל הבית. יענקל באמערקט נאך אפאר טעג אז זיין קאמפיוטער איז נישט געפילטערט, מען קען צוקומען צו אלס און אלעמען אן קיין פראבלעמען. ער טראכט צו זיך איך דארף זאגן פאר מיין בעל הבית צו לייגן א פילטער, אבער ער שטופט אוועק די מחשבה פון קאפ, ווייל 'ער גייט נישט זיין דער פרומער וואס דארף נעבעך האבן א פילטער', איך קען זיך אליין באהערשן, איך בין גענוג שטארק.

גראדע איין מאל איז יא אויסגעקומען צו רעדן צום בעל הבית וועגן דעם אבער ער האט עס אוועקגעמאכט אז עס פעלט נישט אויס צו לייגן, עס פעלט נישט אויס צו לייגן פילטערס און צאלן איבעריגע געלט ווייל דו האסט א פראבלעם מיט אידישקייט.

נאכן זיין ביי די נייע ארבעט א שטיק צייט האט ער דא דארט געגעבן א קוק אריין אויף נישט גוטע פלעצער לא עלינו, אבער שששששש איך בין נישט פון די מענטשן וואס קוקן זאכן וואס א איד דארף נישט קוקן, איך בין דער איידעלער אינגערמאן, אלע האלטן פון מיר, און מסתמא יעדער קוקט סיי ווי... און איך דאווען דאך פארן עמוד אזוי שיין מיט מיין שיינעם קול, איך האב מיין פלאץ אין בית המדרש צווישן מיין עידש איך בין פון די געלונגענע ארויפגעקוקטע פון דער קרָא יעדער וויל מיר געפעלן, איך שפיל גוט דעם שפיל.

איינע פון די אינגעלייט וואס האבן דארט געארבעט מיט אים איז געווען א ברסלב'ער. אין איינע פון די טעג האט דער ברסלב'ער ארבעטער געכאפט א שמועס מיט יענקל וועגן זאגן משניות יעדן טאג, אז דאס העלפט מען זאל נישט אריינפאלן אין עבירות, און אויב חס ושלום מען איז שוין אריינגעפאלן אין עבירות לא עלינו קען דאס העלפן מען זאל ארויסקריכן פון די עבירות.

דער יענקל האט אנגעהויבן אזוי לאכן פון אים אז אלע ארום האבן זיך אויסגעדרייט קוקן וואס דא האט פאסירט, פארוואס ער לאכט אזוי. יענקל גיבט זיך א רוף אן: "דו מיינסט טאקע איך האב נישט וואס צו טון מיט די צייט נאר זאגן משניות? איך בין עפעס א כיתה ג' אינגל???"

ביז איין שיינעם טאג איז ער אריין אין א אומשולדיגע זייטל, ער איז דארט אריינגעקראכן מער און מער און די סוף איז ליידער געווען זייער ביטער לא עלינו, עס האט זיך נישט גוט געענדיגט. פון אינדרויסן האט ער ווייטער געשפילט א שפיל ווי דער חשוב'ער אינגערמאן, אבער ער האט שוין יעצט גוט געשפירט אז עס טויג נישט מיט אים, 'איך דארף







איינער זאל מיר העלפן ארויסקריכן פון דעם פלאנטער'.

אין טאג כאפט ער א שמועס מיט א אינגערמאן א חבר זיינער און אזוי' שמועסנדיג האט ער אים פארציילט אז זיין קאמפיוטער אין אפיס האט נישט קיין פילטער און ער טראכט אז היינט גייט ער זאגן פארן בעל הבית אז אויב ער לייגט נישט קיין פילטער גיי איך ארויס פון די ארבעט.

דער חבר הייבט אן פון אים חוזק צו מאכן, וועגן דעם גייסטו ארויסגיין פון די ארבעט? ביזט א קליין קינד, אלע ארבעטן אזוי היינט, דאס איז היינט די לעבן, מאך דיך נישט נאריש. דאס איז די וועג פון מאכן געלט.

יענקל רופט זיך אן פאר זיין חבר: "דו ווייסט איינער פון די אינגעלייט מיט וועמען איך ארבעט איז א ברסלב'ער און ער האט מיר געזאגט אז זאגן משניות איז א געוואלדיגע זאך, עס איז גוט פאר אלע סארט מענטשן אין אלע מצבים, וואס האלטסו וועגן דעם?"

דער חבר האט אזאנס אנגעהויבן לאכן פון אים: "זאג מיר נישט אז דו גייסט אויך זיין פון די פאני ברסלב'ע מענטשן וואס מען זעט איבעראל מיט א קליינע משניות און זאגן נאר א פרק און נאך א פרק, אפילו ביי די רויט לייט זאגן זיי משניות, פאני מענטשן..."

יידער האט ער אנגענומען וואס זיין חבר האט געזאגט און ארויסגענומען פון זיין געדאנק די זאך פון זאגן משניות.

אזוי איז יענקל אריינגעפאלן מער און מער אין ביטערע עבירות נעבעך, וואס דאס איז דאך ווי א אדיקשאן וואס אָן עצות פון א צדיק קען מען זיך נישט ארויסזען דערפון. אבער ער האט אלעס פרובירט צו באהאלטן.

זיין ווייב איז געווארן פארמיאוסט אין זיינע אויגן, די גאנצע שטוב האט אים אנגעהויבן גיין א גאנג אויף נעקסט לעוועל, זיין געדולד צו לערנען האט זיך יידער אינגאנצן אויסגעלאשן, ער האט אויפגעהערט צו דאווענען לא עלינו ער האט שוין נעבעך פארגעסן וואו זיין תפילין ליגט. ער האט זיך געטראפן אן אומגעדולדיגער שרייען אויף זיינע קינדער יעדן צווייטן טאג.

אזוי זיצט ער זיך און אפיס און טראכט אזוי צו זיך וואו בין איך אנגעקומען אהער? וואס האט דא פאסירט? איך בין דאך געווען דער געלונגענער געשמאקער און אויך ערליכער וואוילער אינגערמאן ... און דא גייט מיר מיין גאנצע לעבן צוגרונד פאר די אויגן! הלוואי זאל איך עס כאטש קענען איינעם דערציילן אז דער לופטיגער באטעמטע אינגערמאן עקזיסטירט אפילו נישט! ס'איז ערגער פון א דמיון ס'איז א פארקערטע ריאליטעט! הלוואי זאל מיר איינער קענען ארויסשלעפן פון מיין בלאטע טראכט ער זיך אזוי אין אפיס...

אזוי אינמיטן זיינע רוישיגע מחשבות





לאנדעט עפעס א צעטעלע אויף זיין טישל, א מפיץ האט אים אראפגעלייגט א קארטל 'ווילט איר האבן א זיסע לעבן? דא האט איר א וועג' איז געשטאנען אויפן קארטל מיטן ברסלב'ן האט ליין נומער 212-444-9191.



יענקל ווערט רויט מיט כעס און צורייסט די קארטל און הייבט אן זיך רעגן אויף טויזענט "ביי אונז האט מען נישט געהאלטן פון דעם" שרייט ער אויף די העכסטע טענער! ער שפירט זיך גוט אז כאטש איז ער נישט פארכאפט געווארן חלילה און ער האט אפילו נישט געקוקט וואס דארט שטייט...

***

מענטשן זענען אסאך מאל אזוי פארטושט אין זייערע פארנומענע סדר החיים אז זיי האבן נישט אפילו די ישוב הדעת צו טראכטן פאר זיך וואס טו איך דא? ס'פאלן ריזיגע באמבעס! ווער קען מיך ראטעווען ווי איז דא א וועג פאר מיך צו קענען מצליח זיין? מענטשן לויפן נאך דעם שטראם אן זיך בכלל צו כאפן דעם אטעם.

ר' איד אפשר נאכן כאפן אזויפיל קלעפ לוינט זיך יא צו פרובירן קוקן אויף דעם קארטל און אנהייבן לעבן א נייע לעבן מיט געשמאק און שמחה? ווארט נישט ווען עס וועט שוין זיין גאר גאר ביטער.

דער גרעסטער חסד וואס מען קען טון איז צו ראטעווען א איד דורך פרובירן צו רעדן צו אים אדער געבן א קארטל א גליון א ספרל ס'קען זיין אז דו גייסט אים יעצט ראטעווען פון א באמבע וואס גייט אט אט פלאצן ביי אים!

***



אגב, אז מען רעדט שוין וועגן עזה מלחמה איז אינטערעסאנט אנצומערקן דאס וואס דער ראש ישיבה האט דערמאנט וועגן די נושא ביים ליל ששי שיעור אין היכל הקודש לינדען. דער ראש ישיבה האט געזאגט: יעצט ביי די מלחמה אין עזה פאר מען באמבאדירט א פלאץ ווארפט מען אראפ אזאנא פאלשע באמבעס וואס פלאצט עכט נישט אויף, דאס טוט מען כדי דער עולם זאל זיך דערשרעקן און אוועקלויפן פון דעם פלאץ פאר עס איז שוין צו שפעט, אבער ליידער איז דא מענטשן וואס אנטלויפן נישט, און ווערן דארט גע'הרג'ט, אזוי ווי מען זעט ביי לוט "ויתמהמה" מיט'ן שלשלת טראפ, ער האט זיך פארזוימט אין סדום, ווייל ער האט נאך געוואלט ראטעווען זיין געלט. דאס זעט מען היינט אויך, מענטשן פארברענגען שעות אין די ארבעט, זיי קומען נישט אהיים צו די ווייב און קינדער, אלעס פאר די געלט, ער טראכט אז מארגן גייט ער זיך אפגעבן מיט זיינע קינדער, אבער עס ארבעט נישט אזוי, די קינדער שפירן דאס אז דו דארפסט זיי נישט. מען דארף אהיימקומען פארנאכטס און פירן א שיינע שטוב.

# אינטערוויוס

אברהם הערש וועבערמאן



## אין די וועלט פון צווילינגען

די וואך רעדט מען אין די סדרה פון די צווילינג יעקב און עשיו, וואס זענען געבוירן ביי אונזערע עלטערן יצחק און רבקה.
לכבוד דעם ווילן מיר יעצט כאפן א שמועס מיט א חשובער אינגערמאן פון אנשי שלומינו מו"ה רפאל פורסט הי"ו וואס וואוינט היינט אין קרית ברסלב, וואס דער איבערשטער האט אים באשאנקען מיט די טייערע מתנה פון האבן א צווילינג, און הערן פון אים מיט וואס ער דארף זיך פארמעסטן איפן טאג טעגליכן לעבן מיט די מתנה וואס דער איבערשטער האט אים געגעבן, און פון די אנדערע זייט די געשמאק וואס דאס ברענגט מיט זיך.



**א גוטן ר' רפאל.**

א גוט יאר ר' אברהם הערש.

**ווי אלט זענען דיינע צווילינגען?**

מיינע צווילינגען זענען געבוירן חודש אדר תשפ"ב, מיט'ן אייבערשטנס הילף קומענדיגן אדר ווערן זיי צוויי יאר.

**וואס זענען די צווילינגען?**

א אינגל און א מיידל, דער אינגל הייסט נחמן נתן און די מיידל פיגא נאך דעם הייליגן רבינ'ס מאמע.

**זיי זעען אויס ענדליך?**

בכלל נישט.

**וויפיל קינדער האסטו פאר די צווילינגען?**

פיר קינדער קע"ה.

**בשעת מען האט געבוירן די צווילינגען איז דאס געקומען מיט שוועריקייטן?**

די שווערקייטן דערפון קען זיך יעדער מאכן דעם חשבון, בשעת מען האט איין קינד וויפיל מען דארף זיך אפגעבן מיט זיי, און דאס דאפלען אויף צוויי. פארשטייט זיך א קינד איז א מתנה פונעם אייבערשטן, דאס איז א זאך וואס מען קען נישט אפשאצן, און מען קען אויף דעם דאנקן און לויבן דעם אייבערשטן א גאנץ לעבן, אבער א צווילינג קומט מיט שוועריקייטן, בפרט ווען זיי זענען גאר קליין, ווייל ווען א קינד וויינט קענסטו זיך אפגעבן מיטן קינד, אבער אז עס איז צוויי, איז עס אסאך שווערער. און אויב האבן זיי אנדערע סדרים איז דאך נאך שווערער.



איך געדענק ווען זיי זענען געווען גאר קליין האבן זיי געטרינקען נאר באטיס, בייטאג איז מיין ווייב געווען פארנומען מיט זיי, ביינאכט בין איך געווען פארנומען מיט זיי, איך האב געדארפט אויפשטיין ביינאכט און געבן די באטיס, און דערנאך האלטן דעם בעיבי זאל פארדייען די עסן, און די זעלבע צייט האלט נאך די אנדערע קינד אינמיטן עסן, דאס איז א דוגמא פון די שוועריקייטן וואס דאס האט.

ברוך השם אז מען האט דאס אדורך געמאכט, און ווען זיי וואקסן ווערט דאס גרינגער, בפרט אז די עלטערע קינדער העלפן גאר אסאך, ווייל דא אין בית פיגא סקול איז מען מחנך אז מען דארף העלפן אינדערהיים, במילא העלפן זיי גאר אסאך ארויס צו מיט די צווילינגען.

פאריאר חול המועד בין איך געווען מיט די משפחה ביי א געוויסע פלאץ, און דארט איז אויך געווען א משפחה וואס האט א צווילינג, און דער אינגערמאן פון יענעם צווילינג איז צוגעקומען צו מיר בשעת זיין ווייב האט געשמועסט מיט מיין ווייב און ער זאגט מיר בזה הלשון: לאמיר דיר עפעס זאגן, מיין ווייב גייט יעצט זאגן פאר דיין ווייב אז עס ווערט גרינגער, וויל איך דיר זאגן אז עס איז נישט אמת, עס ווערט נאר שווערער...

דא האב איך שוין געזען אז איך גיי פון אים נישט נעמען קיין דעה וויאזוי זיך צו פירן, איך גיי דאנקען דעם אייבערשטן אויף די געוואלדיגע מתנה וואס ער האט אונז געגעבן, און בעטן דעם אייבערשטן אז מיר זאלן קענען האבן כח. און איך קען זאגן בפה מלא אז עס ווערט יא גרינגער, די גרעסערע קינדער העלפן ארויס גאר אסאך.

**אויב דו וואלסט נישט געווען אין היכל הקודש וואלסטו אויך געערדעט אזוי ווי יענער אינגערמאן?**

זיכער, ווייל דא אין בית פיגא לערנט מען אויס אז מען דארף העלפן טאטע מאמע, און נישט זיין פארנומען מיט היים ארבעט,

אדרבה, די היים ארבעט איז צו העלפן אינדערהיים.

**איז דא א זאך וואס מען קען זאגן אז עס איז גרינגער ווען מען האט א צווילינג?**

אוודאי, צדיקים האבן געזאגט אז איינע פון די זאכן וואס מען קען זיך לערנען פון קינדער איז אז זיי זענען אלץ פארנומען, זיי גייען נישט ליידיג קיין איין מינוט.

דאס זע איך ביי די צווילינג אז וויבאלד זיי זענען אלץ צוזאמען האבן זיי שטענדיג מיט וואס צו זיין פארנומען ווייל זיי שפילן זיך איינער מיטן אנדערן און אזוי ווייטער.

**אנפאנג ווען מען האט געהערט די בשורה אז דאס איז א צווילינג איז עס געווען א שמחה אדער פארקערט?**

עס איז געווען געמישטע געפילן, פון איין זייט איז עס געווען א געוואלדיגע שמחה ווייל מיין זון פאר די צווילינג איז שוין געווען פינף יאר אלט, און פון די אנדערע זייט איז עס געווען געמישט מיט זארג וויאזוי מען גייט עס מאכן.

**די משפחה מיטגלידער האבן דיר געגעבן חיזוק אויף דעם, אדער האבן זיי דיר געזאגט: נעבעך, וויאזוי גייסטו זיך אן עצה געבן מיט זיי?**

עס ווענדט זיך ווער, א חלק עולם האט מיר זייער שיין געמוטיגט, און א חלק עולם האבן זיך געזארגט פאר אונז וויאזוי מיר גייען זיך קענען א עצה געבן.

**איז דא הילף פון די שטאט פאר צווילינגען?**

אין שטאט איז דא הילף, אבער נישט אין אפסטעיט, אין שטאט באקומט מען פאר די

**"וויבאלד זיי זענען אלץ צוזאמען האבן זיי שטענדיג מיט וואס צו זיין פארנומען ווייל זיי שפילן זיך איינער מיטן אנדערן און אזוי ווייטער."**



ערשטע צוויי יאר א נורס וואס זאל העלפן אינדערהיים מיט די צווילינג.

**דו האסט נאך געהאט די צווילינג ווען האסט געוואוינט אין שטאט?**

ניין, איך האב געהאט די צווילינג דא אין שטעטל, מיר האבן דעמאלט געטראכט אז ווען מיר וואלטן יעצט געוואוינט אין שטאט וואלטן מיר באקומען הילף פון די שטאט, אבער יעצט אז מיר האבן זיך אהערגעצויגן אין שטעטל האבן מיר דאס נישט. אבער מיר גלייך אפגעווארפן די שלעכטע מחשבות.

אנפאנג האב איך טאקע געדינגען א נורס פאר אפאר טעג און עס געצאלט פון מיין אייגענע טאש, אבער נאך אפאר טעג האב איך געזען אז עס איז אסאך בעסער ווען די טאטע מאמע געבן זיך אפ מיט די קינדער, און נישט עפעס א נישט אידישע פרוי.

ווען איך האב ווען די נורס אומזיסט וואלט איך נישט געוואלט טראכטן פון עס אויפגעבן ווייל איך באקום דאך דאס אומזיסט, אבער אזוי אז עס געקאסט געלט האב איך מיך שנעל געמאכט א חשבון אז דאס לוינט זיך מיר נישט, עס איז נישט געשמאק ווען א נורס געבט זיך אפ מיט די קינדער, עס איז בעסער זיך אליין אפגעבן מיט זיי, און בעטן דעם אייבערשטן צו האבן די כוחות פאר זיי.

**דער אייבערשטער זאל העלפן זאלסט זען אסאך נחת פון אלע קינדער, זיי זאלן אויסוואקסן ערליכע ברסלב'ע קינדער זיי זאלן גיין אויפן הייליגן רבי'נ'ס וועג, לערנען און דאווענען און זיך פירן מיט דרך ארץ אזוי ווי דער הייליגער רבי' האט געוואלט.**

**אמן!**

# קלאסיפייד'ס

Deadline to advertise
Sunday 12:00 PM




א שיינע איין רומיגע דירה אין שטעטל צו פארדינגען פאר א שבת אדער פאר א קורצע צייט, אין די טווין ברידזש געגענט, נאנט צום בית המדרש עצתו אמונה.

אויך שטעלן מיר צו סעודת שבת קודש.

רופט לייבי ראטה - 347-578-4449




## Great news!

### Daytime babysitting in Shtetl!!

A warm and safe place to drop off your baby.

*Shopping spree

*Appointments

*Run errands

Call F. Jacobovitch
646-771-6936






## י. פ. געבט איבער א סעודה מיטן ראש ישיבה פרשת שופטים תשפ"ג:

דער ראש ישיבה האט פאר יעדן באזונדער אנגעוויזן וואו זיך צו זעצן.

אינמיטן האט מען געהערט גערודער פונדרויסן, האט זיך דער ראש ישיבה אויסגעדרייט צום פענסטער, ווי מען האט געזען דארט דער שכן א גוי בויעט און פארערבט זיין דירה, דער ראש ישיבה האט געזאגט אז ער קומט דארט נאר אויף וויקענד'ס (סוף וואך) און אז א גאנץ וויקענד'ס בויען זיי איבער די הויז.

דער ראש ישיבה האט געזאגט ווי נאריש ס'איז, א גוי אז ער האט שוין יא אפאר טעג זיך אפצורוען איז ער פארנומען צו בויען און בויען, ער הערט נישט אויף ארבעטן.

איינער פון די קליינע אינגלעך האבן זיך אנגערופן: אייביג ארבעט ער. האט דער ראש ישיבה געזאגט: "אייביג איז דער אייבערשטער נאר דער אייבערשטער איז אייביג".

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר איינע פון די קליינע קינדער, זאג פארן גאסט וועלכע אויסדריקן מיינט נאר דער אייבערשטער, 'אייביג' איז נאר דער אייבערשטער, 'זיכער' איז נאר דער אייבערשטער, 'איך' איז נאר דער אייבערשטער, און 'ליב' האט מען דעם אייבערשטען.

### דא פאלגט מען

דער ראש ישיבה'ס איידעם הרב נתנאל פארקאש שליט"א איז דארט געווען מיט זיין בעיבי און דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן: האסט געהערט די נס? נתנאל האט געהאט א בעיבי, א גרויסע מענטש אין קליין.

נאכדעם האט מען געטיילט גרעיפ דזשוס פאר יעדן.

נאכדעם האט מען זיך געוואשן, דער ראש ישיבה האט געווארט זיין ווייב זאל זיך וואשן, און בשעת מעשה האט דער ראש ישיבה זיך אונטערגעזינגען א פריילליכע ניגון אָן ווערטער, ס'איז געווען געשמאק צו זען ווי דער ראש ישיבה ווארט פריילליכערהייט נישט נערוועזערהייט.

מען האט געמאכט המוציא און דער ראש ישיבה האט ארויסגעשיקט פארן יעדן א חלה. אינמיטן איז יחזקאל'ע געשטאנען אויף א בענקל און דער ראש ישיבה האט אים געזאגט ער זאל זיך אראפזעצן, אבער ער האט נישט געוואלט, א מינוט נאכדעם האט אים דער ראש ישיבה נאכאמאל געזאגט און ער האט זיך נישט ווילנדיג

**יעדע זאך פון די שבת'דיגע עסן האט אדער פיר זאכן אנטקעגן שם הוי"ה אדער זיבן אנטקעגן שבת!**

געמאכט, ביז דער ראש ישיבה האט אים אויפגעהויבן און אראפגעלייגט און געזאגט: "דא פאלגט מען"! יחזקאל'ע האט אנגעהויבן וויינען בערך אנדערט האלבן מינוט אבער ס'האט אויסגעקוקט ווי א יאר, און די פרויען זענען געווארן אזוי נערוועז, ס'איז געווארן אומעטיג אין די לופט אז ער וויינט און וויינט, אבער דער ראש ישיבה האט זיך נישט ווילנדיג געמאכט און אים געלאזט וויינען. נאכדעם האט אים דער ראש ישיבה געזאגט: יחזקאל'ע קום נעם גרעיפ דזשוס, האט ער זיך בארוהיגט.

ס'איז געווען אינטערעסאנט צו זען ווי דער ראש ישיבה איז מחנך קליינע קינדער, דא פאלגט מען, אז דו פאלגסט נישט קענסטו נישט זיין דא.

אינמיטן האט א קינד געזאגט: "איך האב נישט ליב מאמי". האט דער ראש ישיבה געזאגט: "זאג אים אז איך האב דיר נאכאלץ ליב".

אינמיטן האט דער ראש ישיבה געהאלטן אויפן שויס איינע פון די אייניקלער בעיבי'ס און בשעת מעשה האט ער זיך אונטערגעזינגען עפעס א בענקעדיגע ניגון פון שיר השירים.

## א פריילעכע סעודה

דער ראש ישיבה האט מיר געפרעגט בשעת'ן סעודה: "האסט הנאה פונעם סעודה?" האב איך געענטפערט אז איך האב זייער הנאה. האט מיר דער ראש ישיבה געפרעגט: "וואס איז דא דא צו זען? סתם א פריילעכע סעודה מיט די קינדער".

האט זיך איינער אנגערופן פרייליך איז נישט קיין קלייניקייט, האט דער ראש ישיבה געפרעגט פון די געסט: "ביי ענק איז נישט אזוי פרייליך?" קיינער האט נישט געענטפערט יא, ווייל ס'איז געווען אזוי פרייליך אז קיינער האט נישט געקענט זאגן יא ביי אונז איז אויך אזוי פרייליך. האט דער ראש ישיבה געזאגט פאר זיין ווייב: "אה אפשר קומט מען ווען מען עסן, שטעלסט צו פיינע נארהאפטיגע עסן".

## די שם הוי"ה אין די עסן

דער ראש ישיבה איז אריין אין א שמועס וועגן רעסעפיס פון אלע שבת'דיגע עסן, אז אין די חלות לייגט מען אריין זיבן זאכן, וואסער, הייוון, מעל, אייער, צוקער, זאלץ, אויל, זיבן זאכן אזוי ווי שבת, שבת איז זיבן. און אין רוב אנדערע זאכן לייגט מען אריין פיר זאכן, קעגן שם הוי"ה.

דער ראש ישיבה האט אויסגערעכנט אלע עסן וואס מען לייגט אריין פיר זאכן, למשל אין א קוגל לייגט מען אריין קארטאפל, אייער, אויל, זאלץ. אזוי אויך אין א טשולענט לייגט מען אריין פיר זאכן און אזוי ווייטער, יעדע זאך פון די שבת'דיגע עסן האט אדער פיר אנטקעגן שם הוי"ה אדער זיבן אנטקעגן שבת.

עס דארף ווערן ארויסגעברענגט נאך א נקודה פון וואס איך בין זייער נתפעל געווארן, דאס איז פון די פשוט'ע עסן ביים סעודה. מען מאכט נישט עפעס אויסערגעווענליכע עסן ווייל מען דארף זיך צושטעלן צו די געסט וואס קומען צום סעודה, בכלל נישט, נאר וואס מען שטעלט צו יעדע וואך דאס איז דא; חלה מיט אביסל טאמעטע דיפ, א שטיקל סעלמאן און געפילטע פיש, אייער מיט לעבער און דערנאך די טשולענט, אלעס מיט א געוואלדיגע פשטות, אבער די עסן האט געהאט א טעם גן עדן ממש.
ווען איך בין ארויס פון דארט בין איך געווען זאט ביז שלוש סעודות. אבער נישט געפילט ווי מען איז איבער געגעסן.

## די זעלבע קאמפלימענט נאכאמאל

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז ס'איז דא איינער וואס האט געשפעט פון דער ראש ישיבה'ס ווייב, וויאזוי זי קען טרינקען אזויפיל גרעיפ דזשוס מיט סעלצער, ווייל יעדע וואך שטייט אין די סעודה אז דער ראש ישיבה האט איר ארויפגעשיקט גרעיפ דזשוס מיט סעלצער, האט דער ראש ישיבה געזאגט: זיי זענען

מקנא זיי וואלטן אויך געוואלט מען זאל טראכטן פון זיי און זיי געבן א גוט ווארט

האב איך זיך אנגערופן אפשר דארף מען עס טאקע נישט אריינלייגן יעדע וואך, ס'איז דא גענוג זאכן צו שרייבן חוץ פון דעם. האט דער ראש ישיבה געזאגט: "די זעלבע קריטיק יעדע וואך קען מען זאגן פאר די ווייב, נאר צו זאגן די זעלבע קאמפלימענט איז א פראבלעם".

## צדיקים געלעבט פונעם רבי'ן

מען האט אריין געברענגט אייער מיט יונגע צוויבל, ווייל דער רבי האט געזאגט אז מען זאל נישט עסן קיין צוויבל.

איך האב דערציילט פאר דער ראש ישיבה אז מיין זיידע האט אויך נישט געגעסן קיין צוויבל, און מיין זיידע האט געזאגט אז ער עסט נישט קיין צוויבל ווייל דער בעל שם טוב האט געזאגט מען זאל נישט עסן קיין רויע צוויבל מיט די אייער. האט דער ראש ישיבה געזאגט דאס קומט דאך נאר פון רבי'ן, נאר דער רבי האט עס נאכגעזאגט פון בעל שם טוב, ס'שטייט נישט אין ערגעץ. האב איך געזאגט פאר דער ראש ישיבה אז מיין זיידע איז געווען א חסיד פון מנחת אלעזר, און דער מנחת אלעזר זאגט זאכן פון רבי'ן, זיין ספר דברי תורה האט ער אנגעפאנגען מיט א שטיקל שיחות הר"ן. האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן מיט א געוואלדיגע ברען: "דער הייליגער מנחת אלעזר, דער הייליגער מנחת אלעזר".

דער ראש ישיבה האט געזאגט: "אלע גרויסע צדיקים האבן געלעבט פונעם רבי'ן, ער האט אויסגערעכנט עטליכע צדיקים למשל דער הייליגער סאטמאר רב זכותו יגן עלינו, דער הייליגער מנחת אלעזר זכותו יגן עלינו, דער הייליגער צאנזער רב זכותו יגן עלינו.

## לשבח פון די מנהלת

דער ראש ישיבה האט דערציילט פאר זיין ווייב אז נעכטן איז געווען א אנדערע סארט באטע ווי שטענדיג, די באטע איז געווען א שמועס פון חתנים, ווייל ס'איז דא זייער אסאך חתנים וואס גייען חתונה האבן סוף זומער.

אויך האט דער ראש ישיבה גערעדט ביי די באטע לשבח פון די מנהלת וואס מיר האבן אין סקול, ווייל די מנהלת האט געהאט א בעיבי און די זכר איז געווען ביי די באטע.

דער ראש ישיבה האט דערציילט פאר זיין ווייב אז אפאר יאר צוריק בשעת די מנהלת האט געהאט א קינד און די מאמעס האבן געוואלט קויפן א מתנה פאר די מנהלת לכבוד די שמחה, האט די סעקרעטערי אים גערופן מיט א געוויין אז אפאר מאמע'ס האבן זיך צאמגענומען אז זיי ווילן נישט געבן געלט - פינעף דאלער פאר א בעיבי מתנה ווי אזא איינער וואס האט אסאך קינדער קען נישט זיין א מנהלת (ווער דען זאל זיין א מנהלת אויב נישט איינער וואס האט אסאך קינדער).

איך האב געדארפט מאכן א שנעלע חשבון אז ס'איז בעסער אז איך צאל אויס די פופציג דאלער און די גאנצע זאך זאל זיך אפשטעלן. איך האב געזאגט פאר די סעקרעטערי זי זאל נישט זאגן פאר קיינעם אז איך צאל אויס די געלט.

## זיך חבר'ן מיט יעדן איינעם

א באבע פון א מיידל האט גערופן דער ראש ישיבה'ס ווייב, אז זיי האבן זיך געשפילט כלה אין סקול און די מיידל די כלה האט נישט געוואלט טאנצן מיט איר אייניקל וואס גייט אין די זעלבע קלאס.

דער ראש ישיבה איז געווען אויסער זיך אז ביי אונז אין סקול קען פאסירן אזא זאך, פארוואס מאכט מען אזא מיידל פאר די כלה אז זי וויל נישט טאנצן מיט א אנדערע מיידל.

**דער ראש ישיבה האט געזאגט: איך וויל זיך משדך זיין מיט אנשי שלומינו וואס זייער הויז איז פול מיטן רבי'ן!**

דער ראש ישיבה איז געווען זייער אויסער זיך פון דעם, דער ראש ישיבה האט געזאגט איך וויל זיך משדך זיין מיט אנשי שלומינו וואס זייער הויז איז פול מיט'ן רבי'ן, ביי די פריערדיגע שידוכים האב איך זיך משדך געווען מיט מענטשן וואס די הויז איז פול מיטן רבי'ן, אבער מיט וועם זאל איך זיך משדך זיין אז דאס פאסירט ביי אונז אין סקול?

איינער פון די אייניקלעך האט געפרעגט: זיידי מען קען ברענגען די פאקסיס? האט

דער ראש ישיבה געזאגט פרעג באבי, ער קומט צוריק און זאגט: באבי האט געזאגט נאך די קאמפאט, זאגט אים דער ראש ישיבה: יעצט פרעג באבי ווען מען גייט ברענגען די קאמפאט.

**ס'איז דא וואס זאגן אז נאך די חתונה פאלט מען, ביי אונז איז פונקט פארקערט, מען ווערט נארבעסער!**

### זייער מצליח נאך די חתונה

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז אלחנן נרו יאיר איז יעצט געווארן ניינצן יאר, וואס זאגסטו מאמי, מען זאל אים שיקן לערנען אויף ארץ ישראל, צו מען קען שוין אריינקוקן אין א שידוך? ער האט נאך צייט אביסל, ניין? קודם זאל ער גיין לערנען א יאר צוויי אין ארץ ישראל.

ס'איז דא וואס זאגן אז נאך די חתונה פאלט מען, ביי אונז איז פונקט פארקערט מען ווערט נאר בעסער.

דער ראש ישיבה האט געזאגט אז אלע זיינע קינדער זענען זייער מצליח נאך די חתונה, זיי שטייען אויף מער פארטאג'ס און אסאך גרינגער. ביי אונז נאך דא חתונה ווערט מען נאר בעסער.

דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר זיין קליין אייניקל: איך ווארט שוין ווען דו וועסט קומען לערנען אין ישיבה, אונז וועלן חתונה מאכן אלע קינדער, און דו וועסט ארויסקומען, און זיידי וועט זיצן מיט א גרויסע משניות, מיט א פארגרעסערונג גלאז און זאגן משניות.

דער ראש ישיבה'ס ווייב האט געזאגט פארן אייניקל: דו וועסט דארף צובינדן די שיך פאר זיידי, האט דער ראש ישיבה געזאגט: מיר דארף מען נישט צובינדן די שיך ווייל איך האב האלבע שיך, נישט קיין בענדל שיך.

### ווייסע וועש

ערגעץ אינמיטן איז מען אריינגעפארן אין א שמועס פארוואס מען גייט ביי אונז מיט ווייסע אונטער וועש. ווייסע וועש זעט מען גלייך אז ס'איז שמוציג און מען טוט אן נייע. דאס איז פארוואס די ערליכע אידן גייען ווייסע וועש.

ס'שטייט ביי אלישע אז די גאסט געבער האט געלייגט דארט א ווייסע ליילעך אויף זיין בעט און געזאגט "איש קודש עובר עלינו תמיד", וועגן דעם גייט מען ווייסע וועש אז ווען ס'ווערט שמוציג זאל מען גלייך זען און אנטאן נייע.

### נישט דערשראקן פון קיין בער

דער ראש ישיבה האט דערציילט אז א מיידל פון בית פיגא איז געגאנגען התבודדות ביים וועלדל אונטער זייער הויז, אינמיטן האט זי געזען א שאפינג בעג זי האט געמיינט אז ס'איז א שאפינג בעג, למעשה זעט זי די שאפינג בעג שטעלט זיך אויף ס'ווערט גרעסער און גרעסער, בקיצר ס'איז געווען א בער! און זי האט זיך נישט פארלוירן זי האט זיך נישט דערשראקן, זי האט ווייטער גערעדט צום אייבערשטן, זי האט געבעטן דעם אייבערשטן, און זי איז שטאטלעך אוועק געגאנגען אבער זי איז נישט געווארן פארלוירן ווייל זי האט געוואוסט אז דער אייבערשטער איז איבעראל דא, דער אייבערשטער היט איר, דער ראש ישיבה האט עס באוואונדערט ווי אזוי זי איז נישט געווארן פארלוירן.

דער ראש ישיבה האט געפרעגט די קינדער דארט ווער מאכט התבודדות, רופט זיך אן זיין קליינער אייניקל פון דריי יאר "איך" פרעגט אים דער ראש ישיבה וואס מיינט התבודדות?

איך בעט דעם אייבערשטן.

וואס בעטסטו ?

איך זאל האבן הייליגע אויגן.



### פרייליך מאכן

איינע פון די קינדער איז פלוצלונג אנגעקומען פארשטעלט ווי א אראבער, און ער האט זיך פרייליך געמאכט ער האט זיך אויפגעשטעלט אויף א באנק און דער ראש ישיבה האט מיטגעשפילט מיט אים.

דער ראש ישיבה האט אים געפרעגט פון וואו קומסטו, האט ער געזאגט פון אומאן, האט דער ראש ישיבה געזאגט פון אומאן פון ציון, אדער פון באבוטשקא פושקענע?

בקיצור ער האט זיך פרייליך געמאכט, ס'איז האלב געלונגען די פלעי האלב נישט אבער ס'איז געווען פרייליך.

## ביי אמונה איז מען מאריך

איינע פון די קינדער האט זיך אנגערופן עפעס וועגן משניות, האב איך אים געפרעגט פון וואס ער רעדט. האט דער ראש ישיבה געזאגט אז ער געבט א גרינעם בלעטל - א דאלער פארן קענען א משנה, ער לערנט א משנה מיט די קינדער שבת נאכמיטאג נאכדעם חזר'ט מען עס און ווער עס קען עס אויסנווייניג באקומט א דאלער.

האב איך דערציילט פאר דער ראש ישיבה אז איך האב געהאט א מלמד וואס האט געגעבן געלט פאר ווער עס קען אויסנווייניג די "את ה' אלקיך" פון פרשת שופטים. האט דער ראש ישיבה זיך אנגערופן אז געווענליך איז רש"י מקצר אבער דא ווען מען רעדט פון אמונה איז רש"י מאריך.

## א ניגון פון א פאסטעך

דער ראש ישיבה האט זיך אנגעטון ווי א פאסטעך, מיט עפעס א שמאטע אויפן קאפ, און ער האט געזינגען א ניגון פון א פאסטעך, ס'איז געווען זייער געשמאק, זייער אינטערעסאנט.

ס'איז געגאנגען עפעס אזוי "א פאסטאך איז געגאנגען אין פעלד און ער האט געזען בערעלעך, אינמיטן איז ער איינגעשלאפן, ווען ער האט זיך אויפגעוועקט האט ער אנגעהויבן שרייען צום אייבערשטן אוי וויי".

דער ראש ישיבה האט זיך געמאכט אינטערסאנט, און דער קליינער יחזקאל'ע איז געזעצן נעבן דעם ראש ישיבה, און ווען דער ראש ישיבה האט זיך געמאכט פרייליך האט ער שוין געוואוסט פאראויס און ער האט זיך אויך געמאכט, ער האט געמאכט אינטערסאנטע פאקסן, און דער עולם האט זיך געריסן פון געלעכטער, ס'איז געווען גאר פרייליך.

דער ראש ישיבה האט געזינגען נאך אפאר מעשה'לעך אין גראמען באבע מעשיות, דער ראש ישיבה האט געזאגט פאר חיים מאיר אז ער וויל ארויסגעבן א טעיפ עקסטער פאר קינדער פון קינדערישע ניגונים.

## געמאכט פרייליך אין תפיסה

דער ראש ישיבה האט דערציילט פון כולה מן אלאה אז ס'איז געווען א מענטש וואס איז געגאנגען נאך געלט ביי מקומות הקדושים, און די פאליציי האט נישט געלאזט דארט גיין נאך געלט זיי האבן אים געכאפט און געטראגן אין תפיסה דארט איז געווען אסאך אראבער'ס און ער האט זיך גענומען טאנצן כולה מן אלאה (אלעס איז דער אייבערשטער) זיי האבן אים ארויסגענומען פון דארט און געזאגט מאך נישט דא פרייליך אין תפיסה.

## די הונט האט אים אויפגעגעסן

דער ראש ישיבה האט דערציילט פאר די קינדער א מעשה פון א גוי וואס האט נישט געהאט קיין געלט, ער האט געהאט א דאגי (הונט) און ער האט געהאט א אלטע טאטע, זיין טאטע האט נישט געארבעט, ווייל ער האט שוין נישט געהאט קיין כח צו ארבעטן, דער גוי'ס דאגי איז געווען הונגעריג האט דער גוי האט געזאגט נא מאני נא האני, ער האט גענומען זיין טאטע ער האט אים צוגעבונדן און ער האט אים אראפגעלייגט פאר די דאגי און ער האט געזאגט פאר די דאגי זאל אויפעסן זיין טאטע.

ענק ווייסן וואס האט פאסירט נאכדעם? דער גוי איז שוין געווען אלט, און זיין אינגל איז שוין געווען גרויס, ער האט אויך געהאט א דאגי, און ער האט אויך נישט געהאט קיין געלט צו געבן עסן פאר די דאגי, האט ער גענומען זיין טאטע, וואס ער האט עס אמאל געטון פאר זיין טאטע, ער האט אים צוגעבונדן און ער האט אים געגעבן פאר די דאגי זאל אים אויפעסן (ס'איז געווען זייער שרעקעדיג ווי אזוי דער ראש ישיבה האט עס אראפגעלייגט).

## גראמען פון היכל הקודש

דער ראש ישיבה האט געזונגען דעם ניגון "טועמיה", און דער ראש ישיבה מיט חיים מאיר האבן ארייננגעלייגט אסאך גראמען פון די לימודים פון היכל הקודש, וואס דער ראש ישיבה רעדט אייביג ביי די שיעורים, טועמיה חיים זכו, אויב משניות זאגסטו, און אזוי ווייטער.

## געמאכט פרייליך די זמירות

מען האט געזינגען זמירות, ס'איז געקומען צו איינע פון די ניגונים האט דער ראש ישיבה געזינגען מיט א ליטווישע הברה, און נאכדעם האט ער געהייסן אז יעדע שטיקל זאל א אנדערע פארזינגען מיט די ליטווישע הברה, ס'איז געווען דארטן גאר פרייליך, (דער ראש ישיבה האט זיך אנגערופן צו מיר אז אויב מען וועט נישט מאכן פרייליך וועלן זיי נישט וועלן זינגען זמירות) אזוי האט מען געזינגען זמירות און ס'איז געווען געשמאק און פרייליך אבנארמאל פריילער. איין ניגון האט דער ראש ישיבה געמאכט אזוי ווי א פיענא...

דערנאך האט מען געבענטשט, און דער ראש ישיבה האט שיין באגרוסט אלע געסן מיט א פריילכן גוט שבת.

איך האף איר וועט ארויסנעמען שיינע עצות און חיזוק פון דעם סעודה וויאזוי צו פירן א סעודה מיט קינדער מיט א פריילכקייט, אן קיין נערוועזקייט, ווי אויך עצות אין לעבן וויאזוי זיך צו פירן אין יעדן מצב.

מ. פורסט

איך ווארט מיין הויז זאל ווערן מסודר'דיג און ריין, באלד קומט שוין די קלינינג לעדי צו גיין.
נאכדעם וועט די שטוב גלאנצן, און איך וועל קענען מיך איבערגעבן צום באשעפער אינגאנצן.

די צייגער ווייזט אז זי דארף יעצט קומען, אפשר איר צייגער טוט נישט שטומען.
איך בעט דעם אייבערשטן אז זי זאל גיין, ריין מאכן מיין הויז הערליך שיין.

עס גייט אריבער אפאר שעה, און זי איז נאכאלץ נישט דא.
איך פרוביר איר צו קלינגען, זי טוט זיך נישט אנרופן.

וויאזוי איז זי פארשווינדן, מיט וואס איז זי יעצט פארנומען.
מיין בלוט פאנגט אן צו קאכן, מיט וואס עס האט אויף מיר באטראפן.

פלוצלינג הער איך א קלונג, אה די בעל רינגט.
אין שפיטאל איז זי געווען, זאל איך איר גלייבן? נישט קיין חילוק, זאל זי אנפאנגען רייבן!

דער באשעפער האט מיר געוואלט אויספרובירן, צען צו איך וועל זיך לאזן פירן.
שבח אייבערשטער פאר די שטוב ווירטשאפט, דו ווייסט פונקטליך וואס איך האב געדארפט.

איך וועל פון יעצט פרובירן, זיך מער נישט צו פארלירן.

נאר דיר באשעפער שפירן



# מעשיות פון תפילה

פ. רוטה
קרית ברסלב

איך האב געדארפט באקומען א פאון קאל פון די פוד סטעמפס אפיס, איך האב נישט געוויסט פונקטליך וואס איך דארף זיי ענטפערן ווען זיי גייען מיר רופן, אויך האב איך נישט געוויסט ווען זיי גייען רופן. יעדן טאג נאך די ארבעט בין איך געגאנגען קוקן אויב זיי האבן אפשר גערופן.

איך האב זייער שטארק געבעטן דעם אייבערשטן אז אלעס זאל זיך ענדיגן גוט, איך זאל נישט פארלירן די פוד סטעמפס, אלעס זאל זיך ענדיגן גוט.

נאך א חודש וואס זיי האבן נישט צוריק גערופן האב איך זיי גערופן פרעגן וואס ס'טוט זיך מיט מיין פייל, נאך אפאר מינוט אויפן טעלעפאון האבן זיי מיר געזאגט אז זיי זען אז אלעס איז שוין מסודר, די פייל איז אפראוווד ב ר ו ך השם.

ל. ש.
וועבערמאן
קרית ברסלב

איך בין געווען מיט מיינע קינדער ביי "טאנץ מיט אמונה" פארק אין שטעטל, נאכדעם וואס די קינדער האבן אסאך געהאלפן אינדערהיים.

ביים יעדן טאנץ האט מען געזאגט "שכח אייבערשטער" עס איז געווען געוואלדיג.

ביים סוף ווען מען האט געוואלט אהיימגיין, האט מען באמערקט אז מיין אינגל'ס גלעזער איז נישטא, מיר האבן אלע געבעטן דעם אייבערשטן מען זאל עס טרעפן פאר מען גייט אהיים. מיר האבן עס געזוכט איבעראל אבער נישט געטראפן, מיר האבן ווייטער געבעטן דעם אייבערשטן און נישט אויפגעגעבן.

שכח אייבערשטער אז ממש פארן אהיימגיין האט מען עס ברוך השם געטראפן.

משפחת קסטנר
צפת

פרייטאג פרשת וירא צוויי שעה פארן זמן עפן איך די פרידזשידער און איך זע אז עס ארבעט נישט, וואס טוט מען דא הארט פארן זמן? איך האב געבעטן דעם אייבערשטן איך זאל וויסן וואס צו טון יעצט, גלייך איז מיר אריינגעקומען אין געדאנק צו לייגן ביי גוטהארציגע שכנים, ברוך השם זיי האבן מסכים געווען צו מיין פארשלאג.

מען האט געדאנקט דעם אייבערשטן אז יעדער איז געזונט, 'עס איז נאר די קו וואס איז געשטארבן'.

נאך שבת האט מען נאכאמאל געטראכט וואס צו טון, נאכדעם וואס עס הייבט אן גיין א גערוך פון דעם.

מיר האבן געבעטן דעם אייבערשטן מיר זאלן וויסן וואס צו טון דא ווייטער.

איך האב געקלינגען איינער וואס קען זיך אויס מיט די סארט זאכן, ביז איך האב אים געקענט כאפן האט גענומען אפאר טעג, ענדליך האט ער אויפגעהויבן, און ער האט געזאגט אז ער מיינט ס'איז נישט דא וואס צו טון דערמיט.

ביים סוף גיבט ער מיר א פרעג אויב אינטן איז דא א שווארצע פושקע, זאג איך אים אז יא, האט ער געזאגט אז מען דארף דארט געבן א דריי די שטריק וועט עס אנהייבן ארבעטן.

שכח אייבערשטער עס האט אנגעהויבן ארבעט א מחי', ממש תחיית המתים.





845-379-1161
136 Huschke Rd Hurleyville NY 12747
Breslevofficeliberty@gmail.com

## ברסלב'ס חידות

**דער הייליגער רבי האט אמאל געזאגט:**
**איך בין א וואונדער, און מיין נשמה איז**

א. אויך א וואונדער
ב. א גרויסע וואונדער
ג. נישט קיין וואונדער
ד. א וואונדער בתוך וואונדער

*שאלה און ענטפער פון פאריגע וואך*

דער הייליגער רבי' האט געזאגט: די וועלט איז אזוי ווי א שמאלע בריק, און דער עיקר איז

**מ'זאל נישט מורא האבן!**

*געווינער פון פאריגע וואך*

**שמחה עליזה מזרחי תחי' - קרית ברסלב**
שיקט אריין די ענטפערס מיט אייער נאמען צו 845-379-1161

# קרית ברסלב בלעטל

## קינדער אפטיילונג

### פרשת תולדות

## טרעף די ווערטער

אז דו האסט שרעק ווען דו גייסט שלאפן, דו האסט מורא צו שלאפן אין דיין שטוב וכו', - **זאלסטו ליינען קריאת שמע פאר דו גייסט שלאפן,** אזוי וועסטו נישט מורא האבן פון קיין שום זאך.

**גרייט דיר אן נעגל וואסער פאר דו גייסט שלאפן,** אז גלייך ווען דו שטייסט אויף פון שלאף זאלסטו זיך אפגיסן די הענט, דורכדעם וועסטו מער נישט מורא האבן פון גארנישט אויף די וועלט, **דו וועסט זיין זיכער אז דער אייבערשטער איז נעבן דיר און היט דיר.**

(עצות אמונה פרשתנו תש"פ)

| | | | | | | | | | | | | | | |
|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|---|
| ק | א | ז | א | ט | ט | ז | י | כ | ע | ר | ג | ש | ע | ק |
| פ | י | ז | ס | נ | ש | ה | א | ב | נ | ו | י | ר | ע | ל |
| א | י | י | ע | ז | ל | נ | צ | נ | ד | ו | י | ע | ב | מ |
| ר | י | ה | נ | י | א | פ | י | ד | ע | ר | ס | ק | ע | ד |
| ג | א | ד | ו | כ | פ | א | ט | מ | ה | י | ט | ד | י | ו |
| א | י | ד | ה | ו | נ | ל | ו | א | ו | נ | כ | ו | צ | א |
| נ | י | י | ו | א | ע | ש | ל | ר | ט | ר | ז | ד | ר | י |
| ג | ב | ד | ט | ו | ב | נ | י | ס | ו | א | נ | ו | י | כ |
| ר | ע | ו | ו | ס | נ | נ | י | ד | ט | ט | מ | ע | ת | ר |
| י | ר | ו | ו | ד | א | י | נ | ג | ש | נ | נ | ר | ג | י |
| י | ש | ע | כ | ד | ט | ה | ע | ז | ל | ט | י | ד | י | ל |
| ט | ט | ס | ו | ש | מ | ב | נ | י | פ | י | ו | ש | ו | ד |
| נ | ע | ט | ד | ש | א | מ | א | י | ו | ו | י | ב | ט | ג |
| ז | ר | ו | ק | ל | ו | ו | ד | נ | נ | ס | נ | כ | ס | א |
| א | ו | י | כ | א | י | ר | י | ס | ו | י | ק | ו | ל | ר |
| ב | ה | נ | ו | פ | פ | א | י | צ | ש | ר | ה | ו | א | נ |
| מ | ע | ר | ז | נ | י | ג | נ | ט | י | ש | צ | א | ז | י |
| נ | ע | ו | ו | א | פ | ש | ל | א | פ | נ | מ | ס | ס | ש |
| כ | פ | א | ר | א | כ | ת | ת | ב | ר | ו | ו | ע | ס | ט |
| ז | א | ל | ס | ט | ו | מ | ו | ר | א | ע | ה | ר | כ | ג |

## טרעף די וועג

טרעף די וועג צו קושן די הייליגע מזוזה!





## שיחות פון רבי'ן פארהער

וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?



### ענטפער פון פאריגע וואך

ווען מ'האט געפרעגט דעם הייליגן קדושת לוי אויב ער האט ליב פעפער אין די זופ, האט ער געזאגט: "פעפער האב איך ליב? דעם באשעפער האב איך ליב!"

## א שטיקעלע ספר המדות

# ממון

**א. הַמִּתְלוֹצֵץ - מְזוֹנוֹתָיו מִתְמַעֲטִין.**

**דער וואס מאכט ליצנות פארלירט זיין פרנסה.**

דער רבי האט געזאגט אויפן ספר המדות: "דער ספר האט מיך געמאכט פאר א איד!"

## טרעף די חילוקים

### טרעף 10 חילוקים צווישן די צוויי בילדער





כאפ אריין א פרק משניות! א דף גמרא!
ווערטער פון תורה וועט דיך געבן א שיינע לעבן!...

# עצתו אמונה
בחינה

## עצתו אמונה פרשת חיי שרה תשפ"ד

### פון רעכטס צו לינקס

6. קוק וואס דו האסט ____ און וואס דו ביסט יא גוט
7. ווי מער איר וועט דאנקען דעם אייבערשטן וועט קומען נאך און נאך _____
9. קענסט אלעס טון, אבער און צופרידן ווערט מען פון תורה און מצוות
10. זינג און טאנץ: "א מחי' א _____ _____"
12. מיט _____ און סבלנות קען מען אלעס פועל'ן

### פון אויבן אראפ

1. רעד אפאר _____ צום אייבערשטן וועט דיר גוט זיין
2. מיט אמונה און _____ וועט איר פועל'ן א ישועה
3. אויך זאלט איר ליינען _____ ____ איידער איר לייגט זיך שלאפן
4. העיקר _____ דעם אייבערשטן אויף יעדע זאך
5. נישטא וואו צו אנטלויפן, האסט איין ברירה, אנטלויפן צום _____
8. אן ____ ____ איז גארנישט דא
11. פארפאס נישט קיין איין טאג _____



"מאך זיך א שיעור אין "ספר עצתו אמונה" וועסטו וויסן ווי אזוי זיך צו פירן אין לעבן" (עצתו אמונה פרשת נצבים תשע"ט)

# קינדער טאלאנט



משפחת רוטה וויליאמסבורג - די חלום פון יעקב אבינו



עטי בלום תחי' קרית ברסלב - די חלום פון יעקב אבינו



פייגי עקשטיין תחי' - קרית ברסלב



משפחת מענדלאוויטש - מאנסי



פרימי אין מלכה מאשקאוויטש - קרית טאהש



אליעזר שלמה וועבערמאן נ"י - קרית ברסלב



משפחת בוים - קרית ברסלב

# מעשה פון תפלה
# פאר קינדער

יושע היימליך נ"י - קרית ברסלב פארצײלט:



הייליגער באשעפער העלף איך זאל באקומען די RUSH גע'ים

געמאלן דורך: חי' היימליך תחי'



איין טאג איז מיין מאמע געפארן אויף קרית יואל איינקויפן



שכח אייבערשטער מיין מאמע האט געקויפט די גע'ים

לערערין בית פיגא - קרית ברסלב פארצײלט:






לאמיר צולייגן זאלץ אין די עסן

שכח אייבערשטער די עסן איז גוט געלונגען



# בילדער
## אפטיילונג





קרעדיט: אייזיק ראטה


קרעדיט: אייזיק ראטה

מסיבות קלויז מוהרא"ש אין מאנסי - ב' חיי שרה תשפ"ד



מען מאכט איבער די ראוד אויף האשקי גאס אין שטעטל - ד' חיי שרה תשפ"ד




געז טאנק אנגעקומען וואס וועט דינען צו אריינלייגן געז אין די באסעס פון די מוסדות אין שטעטל - ה' חיי שרה




אבות ובנים מתנות אנגעקומען קיין היכל הקודש בני ברק, געספאנסערט דורך פטרון פראדוקטן


קרעדיט: הערשי זאבעל

דף גמרא שיעור אין היכל הקודש מאנסי







דער ראש ישיבה שליט״א באזוכט אין ישיבה שטעטל - ה׳ חיי שרה תשפ״ד




דער ראש ישיבה שליט״א באזוכט אין פעסט בילד אפיס - ה׳ חיי שרה תשפ״ד




ליל ששי שיעור אין שטעטל - ה׳ חיי שרה תשפ״ד







דער ראש ישיבה שליט״א ביים כולל היכל הקודש אין שטעטל - ה׳ חיי שרה תשפ״ד









בר מצוה פון הבחור אברהם בן ר׳ יעקב לעסער שליט״א אין שטעטל - ה׳ חיי שרה תשפ״ד



ברית פון בן הילד מו"ה בנימין פאללמאן הי"ו - ו' חיי שרה



סיום חצי ש"ס אין היכל הקודש לעיקוואד

קרעדיט: מרדכי ראזענפעלד





ברית פון הילד נחמן נתן נ"י בן מו"ה מרדכי היימליך הי"ו - זונטאג תולדות

קרעדיט: אייזיק ראטה

קרעדיט: לייבי ראטה



הרב רבי יצחק לעסער שליט"א באזוכט שבת וירא אין שטעטל (בילד געכאפט נאך זמן ר"ת)



הרב רבי יצחק לעסער שליט"א ביים לייגן תפילין פאר הבחור אברהם יודא לעסער נ"י - ערב שבת חיי שרה

קרעדיט: אייזיק ראטה



ביים מעיין זיין אינעם קרית ברסלב בלעטל